# זְרֻבָּבֶל

אָדֶער

# שִׁיבַת צִיוֹן

אַ דְרַאמָע אִין פִינְף אַקְטֶען.

פֿערפֿאסט פֿון

## משה ליב ליליענבלום.

אדעססא
בוכדרוקעריי דער „אדעסקי וויעסטניק“.

# ЗОРОВАВЕЛЬ

или

## Исходъ изъ вавилонскаго плѣненія.

Драма въ 5 дѣйствіяхъ.

Сочиненіе М. Л. ЛИЛІЕНБЛЮМА.

ОДЕССА.
Тип. «Одес. Вѣстн.», Екатерининская улица, домъ Бубы.
1887.

48

Дозволено цензурою, Одесса, 24 Мая 1887 года.

# פערזאנען:

זְרֻבָּבֶל אפּרִינְץ פון מַלְכוּת בֵּית דָוִד, אַלְט בַּיים עֶרְשְׁטֶען אַקְט בְּעֶרֶךְ 22 יָאהְר.

שְׁלוֹמִית זַיין טָאכְטֶער, בַּיים פִּיעֶרְטֶען אַקְט אַלְט בְּעֶרֶךְ 17 יָאהְר.

שִׁמְעִי זְרֻבָּבֶלְ׳ס בְּרוּדֶער, מִיט צְוֵויי יָאהְר יוּנְגֶער פון זְרֻבָּבֶלְ׳ן.

מַלְכִּירָם זַיין זוּהְן, בַּיים דְרִיטֶען אַקְט אַלְט 3 יָאהְר.

שַׁרְאֶצֶר אַ שֹׁמְרוֹנִי, שְׁלוֹמִית׳ס גֶעלִיבְטֶער, אַלְט בַּיים פִּיעֶרְטֶען אַקְט 17 יָאהְר.

יְהוֹשֻׁעַ בֶּן יְהוֹצָדָק כֹּהֵן גָדוֹל, אַלְט בַּיים עֶרְשְׁטֶען אַקְט בְּעֶרֶךְ 40 יָאהְר.

מָרְדְכַי גֶעוועֶזֶענֶער מִשְׁנֶה לְמֶלֶךְ בַּיי אַחַשְׁוֵרוֹשְׁ׳ן אַלְט בְּעֶרֶךְ 70 יָאהְר.

דָנִיאֵל אַ הֵיילִיגֶער מַאנְן אוּנ אַ גֶעוועֶזֶענֶער מִינִיסְטֶער אַלְט בְּעֶרֶךְ 70 יָאהְר.

שְׂרָיָה אַ כֹּהֵן.

יְשַׁעְיָה אַ גְרוֹיסֶער רֶעדְנֶער.

פַּשְׁחוּר אַ גֶעגְנֶער פון דֶער אִידֶעע פוּן שִׁיבַת צִיּוֹן, אַ רַייכֶער מַאנְן, אַלְט בְּעֶרֶךְ 40 יָאהְר.

בֵּלְשַׁאצַר דֶער קֶענִיג פון בָּבֶל.

נְבוּשַׁפְּרָא זַיין גְלַאווְנֶע פְרוֹי.

כּוֹרֶשׁ דֶער קֶענִיג פון פָּרַס.

## זְרֻבָּבֶלְ׳ס דִיעֶנֶער.

בֵּלְשַׁאצַרְ׳ס קֶעבְּסְווייבֶּער, זַיינֶע מִינִיסְטָארֶען אוּנ בֶּעדִינְטֶע, אַ נַאטְשַׁאלְנִיק, אַ טְשַׁאסְפָּאוואי, אַ סַאטְרַאפּ, כּוֹרֶשׁ׳ס לַייבּהִיטֶער, סָאלְדַאטֶען, כֹּהֲנִים, לְוִיִּם, יִשְׂרְאֵלִים, ווייבֶּער, קִינְדֶער. אַ הָאר אוּנ בְּתוּלוֹת.

---

דִי עֶרְשְׁטֶע דְרַיי אַקְטֶען קוּמֶען פָאר אִין בָּבֶל צְוואַנְצִיג יָאהְר אֵיידֶער דָאס צְווייטֶע בֵּית הַמִּקְדָשׁ אִיז אוֹיסְגֶעבּוֹיעט גֶעווָארֶען. פוּנ׳ם דְרִיטֶען בִּיז דֶעם פִּיעֶרְטֶען אַקְט גֶעדוֹיעֶרְט 14 יָאהְר, אוּנ פוּנ׳ם פִּיעֶרְטֶען בִּיז דֶעם פִינְפְטֶען — 6 יָאהְר.

# ערשטער אקט.

(זְרֻבָּבֶלְ'ס צִימְמֶער שֶׁאֹן אויפְגֶעפוּצְט, דֶער פָּאל אִיז בֶּעדֶעקְט מִיט קאוְוִיאַרֶען, בַּיי דִי וֶוענְט שְׁטֶעהֶען קְלֵיינֶע בֶּעטְלִיךְ, אָדֶער דִיוַואנֶעס, אֵיינְס נֶעבֶּען דֶעם אַנְדֶערֶען בַּיי יֶעדֶען בֶּעטִיל שְׁטֶעהְט אַ טִישִׁיל, אויבֶּענְאָן זִיצְט זְרֻבָּבֶל, נָאךְ אִיהְם זִיצֶען שִׁמְעִי, דָנִיאֵל, יְהוֹשֻׁעַ, מָרְדְכַי, שְׂרָיָה, פַּשְׁחוּר און נָאךְ גֶעסְט. אויף דִי טִישֶׁען שְׁטֶעהֶען קְרִיֶעג וַויין מִיט אָנְגֶעגָאסֶענֶע כּוֹסוֹת, דִי גֶעסְט זִינְגֶען):

דַאנְקְט אוּנְזֶער גָאטְט, לוֹיבְּט זַיין נָאמֶען,
עֶר אִיז אוּנְזַער הִילְף אִין אַ נוֹיטְה,
צוּם נַארְר הָאט עֶר גֶעמַאכְט דֶעם רָשָׁע הָמָן,
וָואס הָאט אוּנְז גֶעוָואלְט מַאכֶען דֶעם טוֹידְט.
זִינְגְט זְשֶׁע בְּרִידֶער, הַיינְט אִיז פּוּרִים,
זִינְגְט אוּנ טְרִינְקְט, זְקֵנִים אוּנ בַּחוּרִים!

---

וֶוענְן נִיט גָאטְט זָאל גֶעוֶועזֶען מִיט אוּנְז זַיין,
וֶוענְן שְׁלֶעכְטֶע מֶענְשֶׁען הָאבֶּען זִיךְ אויף אוּנְז גֶענוּמֶען;
זָאגְט יוּדֶען, וֶוענְן נִיט גָאטְט, אוּנְזֶער רֶעטְטֶער אִין פַּיין,
וָואלְטֶען דָאךְ פוּן זֵייעֶר גִיפְט מִיר אַלְלֶע אוּמְגֶעקוּמְעִן,
זִינְגְט זְשֶׁע בְּרִידֶער, הַיינְט אִיז פּוּרִים,
זִינְגְט אוּנ טְרִינְקְט, זְקֵנִים אוּנ בַּחוּרִים:

---

וִוי אַ מַבּוּל וָואלְטֶען זַיי דָאךְ
פוּן אוּנְז אַלְלעמֶען תֵּל גֶעמַאכְט ,
וִוי אַ שְׁטְרָאם , אַ שְׁרֶעקְלִיכֶער וָואלְקֶענְבְּרָאךְ
וָואלְטֶען זַיי אוּנְז צוּ גְרוּנְד גֶעבְּרַאכְט .
זִינְגְט זְשֶׁע בְּרִידֶער , הַיינְט אִיז פּוּרִים ,
זִינְגְט אוּנ טְרִינְקְט , זְקֵנִים אוּנ בַּחוּרִים !

---

אַ דַאנְק צוּ גָאטְט , וָואס הָאט זַיינֶע יוּדֶען
פוּן זַייֶערֶע שַׁארְפֶע צֵייהְן אָבְּגֶעהִיטְט ,
וִוי אַ פֶאגֶעלֶע פוּנ׳ם נֶעטְץ זֶענֶען מִיר מִיט פְרִיֶעדֶען
פוּן דֶער סַכָּנָה אַרוֹיס מִיט אַ פְרַייֶען גֶעמִיטְה .
זִינְגְט זְשֶׁע בְּרִידֶער , הַיינְט אִיז פּוּרִים ,
זִינְגְט אוּנ טְרִינְקְט , זְקֵנִים אוּנ בַּחוּרִים !

---

צוּבְּרָאכֶען דֶער נֶעטְץ , הָמָן — אוֹיף דֶער תְּלִיָה ,
אוּנ מִיר זֶענֶען זִיכֶער מִיט אוּנְזֶער לֶעבֶּען אוּנ גֶעלְד ;
דֶער גָאטְט פוּן יִשְׂרָאֵל הָאט אוּנְז גֶעשִׁיקְט זַיין יְשׁוּעָה
דֶער בֶּעשֶׁעפֶער פוּנ׳ם הִימְמֶעל מִיט דֶער וְועלְט .
זִינְגְט זְשֶׁע בְּרִידֶער , הַיינְט אִיז פּוּרִים ,
זִינְגְט אוּנ טְרִינְקְט , זְקֵנִים אוּנ בַּחוּרִים !

---

לְחַיִּים אוּנְזֶער לִיעבֶּען בַּעַל הַבַּיִת, דֶעם עֶדְלֶען פְּרִינְץ זְרֻבָּבֶל, דֶעם שֶׁענֶעם צְוַוייג פוּן מַלְכוּת בֵּית דָּוִד, לְחַיִּים דֶעם גֶעוֶועזֶענֶעם מִשְׁנֶה לְמֶלֶךְ, מָרְדְּכַי, וָואס אִיהְם הָאבֶּען מִיר צוּ פֶערְדַאנְקֶען הָמָן׳ס מַפָּלָה. (זְרֻבָּבֶל בֶּעדַאנְקְט מִיט אַ נֵייג מִיטְ׳ן קָאפּ).

**מרדכי.** לְחַיִּים דֶער דִינַאסְטִיֶע פוּן אוּנְזֶער קֶענִיג דָוִד, לְחַיִּים אַלְלֶע אוּנְזֶערֶע חֲבֵרִים. אוּנ לְחַיִּים מַיין אָבְּוֶועזֶענְדֶער שְׁוֶועסְטֶער־קִינְד, אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה, וָואס נָאר אִיהְר זֶענֶען מִיר שׁוּלְדִיג אוּנְזֶער טִיעפֶען דַאנְק פַאר דֶער יְשׁוּעָה פוּן אוּנְזֶער פָאלְק, מִיךְ הָאט אִיהְר דָא אוּמְזִיסְט אַרַיינְגֶעמִישְׁט, אִיךְ הָאבּ דָא גָאר נִישְׁט גֶעטְהוּן.

**יהושע בן יהוצדק.** — גיין, בּרודער, דיין ענִיוּות איז איצט איבּריג, ווען דו וואלסט ניט געטריבּען אסתּר׳ן זי זאל זיך מוסר נפש זיין און געהן בּעטען דעם קעניג אחשורוש פאר איהר פאלק, וואלטען אללע פערסישע יודען פערלוירען געגאנגען.

**שמעי.** — לחיים אונזער געוועזענעם משנה למלך, מרדכי, און אונזער געוועזענער מלכּה, אסתּר, לחיים אללע יודישע גוטע פריינד וואס טהוען אונזער בּידנע פאלק טובות. הלואי זאל דער רבּונו של עולם געבּען עס זאלען שוין מעהר קיין צרות און בּאזע גזרות אויף יודען ניט זיין, און אויבּ חלילה מיר זענען אזא חסד ניט ווערטה, זאל לפּחות גאָטט אונז אללע מאל צו שיקען אזעלכע מליצי יושר, ווי אסתּר מיט מרדכי׳ן. לחיים כּל המסובּין בּכּאן, לחיים כּל ישׂראל! (אללע טרינקען. מען טראָגט אריין זרבּבל׳ן משלוח מנות, ער נעמט צו און שיקט אפּ אנדערע צוריק).

**מרדכי.** — הלואי זאל גאָטט צו הערען דיינע רייד, שמעי, און אונז אבּהיטען פון אללע צרות און בּאזע גזרות, וואס אונזערע שׂונאים ווילען אויף אונז מאכען. איך מוז אייך זאגען דעם אמת, אז די געשיכטע פון המן׳ן האט אויף מיר א שרעקליך-טרויעריגען איינדרוק געמאכט, זי האט מיר ארויסגעוויזען ווי נידריג, ווי אומגליקליך, ווי הפקר מיר זענען, ווי מיר זענען פּשוט ניט זיכער מיט אונזער מארגענדיגען טאג. סטייטש, איבּער מיר איינעם זענען אללע פערסישע יודען מיט ווייבּ און קינד געוועזען אין סכּנה! לאז שוין זיין, ווי אנדערע זאגען, אז איך האבּ המן׳ן ניט געדארפט אזוי אויפרייצען, נאר אז מע קען וועלען אויסהרגענען א גאנץ פאלק איבּער איין מענשען, איז דאך טאקי אומגליקליך צו לעבּען. שטעלט אייך פאר, אז היינט וויל איין המן צו נעהמען בּיי אייך אייער הויז, מארגען וועט איין אנדער המן וועלען צונעמען אייער טאכטער, איבּערמארגען וועט א דריטער המן בּאז ווערען אויף עמיצען א יודען, פאר וואס ער מאנט בּיי איהם זיין חוב, וואס ער וויל ניט, אדער קען ניט צאהלען, זענען מיר שוין אללע מוכן ומזומן צו געהן מארש אויף יענער וועלט! און דערמאנט אייך נאר וויפיעל נסים האט גאָטט, בּרוך הוא, געדארפט טהון, כּדי המן׳ן צום נארר צו מאכען: האט געדארפט פריהער אחשורוש בּאז ווערען אויף ושתּי׳ן, ארויסטרייבּען זי און בּלייבּען אהן א מלכּה; פון א גאנצער וועלט שאָנע מעדליך האט געדארפט איהם געפעללען נאר א יתומה מעדיל, און דווקא די צדיקת אסתּר; בּגתן ותרש האבּען געדארפט פערטראכטען א רציחה געגען דעם קעניג, איך האבּ געדארפט דערגעהן זייער זינדליכען סוד און דערמיט מציל זיין דעם קעניג זיין לעבּען. דער נאך האט דער קעניג געדארפט צו דער מינוט דערלאנגען אסתּר׳ן דעם גאלדענעם סקיפּעטער, מע זאל זי ניט טעדטען דער פאר ווייל זי איז געקומען אהן זיין איינלאדונג. די גאנצע נאכט נאך דעם ניט שלאפען און בּעטען פארלעזען די כראָניק און ארויף קומען

דַוְקָא אויף דֶעם אָרְט, וואוּ עס איז בֶּעשְׁרִיבֶּען, וִוי אַזוֹי אִיךְ הָאבּ אִיהְם מַצִיל גֶעוועזֶען פוּנ'ם טוֹידְט, אוּנ צוּם סוֹף אַלְלֶעם דֶעם הָאט מֶען נָאךְ גֶעדַארְפְט, אַז חַרְבוֹנָה זָאל זִיךְ אַרַיינְמִישֶׁען, אוּנ סוֹף כָּל סוֹף, אַז הָמָנְ'ן הָאט שׁוֹין דֶער רוּחַ צוּגֶענוּמֶען, אוּנ אִיךְ בִּין גֶעוָוארֶען מִשְׁנֶה לְמֶלֶךְ, הָאט נָאךְ דָאס עֵסֶק אוּנְז גֶעקָאסְט אַ סַךְ בְּלוּט, וָוארוּם אַז דִי יוּדֶען הָאבֶּען, בְּשַׁעַת זֵיי הָאבֶּען זִיךְ אַקֶעגֶען גֶע־שְׁטֶעלְט זֵייעֶרֶע שׂוֹנְאִים, אוֹיסְגֶעהַרְגֶעט פוּן זֵיי 75000 מַאנְן, זֶענֶען מִן הַסְתָּם אַ סַךְ פוּן דִי יוּדֶען אוֹיךְ אוֹיסְגֶעהַרְגֶעט גֶעוָוארֶען. שְׁלֶעכְט, בְּרִידֶער, שְׁלֶעכְט!

**זרבבל.** — אִיךְ הָאבּ שׁוֹין מִכֹּחַ דֶעם לַאנְג גֶעטְרַאכְט, אָבֶּער פוּן אַלְלֶע מַיינֶע מַחְשָׁבוֹת אוּנ פְּלַאנֶען זֶעה אִיךְ נָאר אַרוֹיס אֵיין מִיטְטֶעל: מִיר מוּזֶען צוּרִיק אִין אוּנְזֶער לַאנְד קוּמֶען, זַיין בַּעֲלֵי בַּתִּים בַּיי זִיךְ אִין דֶער הֵיים.

**ישעיה.** (מִיט עֶנְטוּזִיַאזְמוּס) עֶס לֶעבֶּע אוּנְזֶער פְּרִינְץ! יָא, מִיר מוּזֶען צוּרִיק צוּ אוּנְזֶער לַאנְד קוּמֶען, מִיךְ קְרֶענְקְט תָּמִיד צוּ זֶעהֶען, וִוי מִיר זֶענֶען אַלְלֶעמֶען אִיבְּרִיג אִין דִי אוֹיגֶען, מֶען טַייט אוֹיף אוּנְז מִיט דִי פִינְגֶער, מֶע הַאלְט אוּנְז גָאר פַאר קֵיין מֶענְשֶׁען נִישְׁט, מֶען גְלוּמִיט זִיךְ אִיבֶּער אוּנְזֶער כָּבוֹד, מֶע וַואשְׁט זִיךְ אִין אוּנְזֶער בְּלוּט; דָאס פֶּערְמֶעגֶען פוּן אֵיינְצִיגֶע יוּדֶען שְׁטֶעכְט אַלְלֶעמֶען דִי אוֹיגֶען. מִיר, אוּנְזֶער מִיהְ אוּנ אוּנְזֶערֶע זִיהְן אוּנ טָאכְטֶער זֶענֶען בַּיי זֵיי וִוי הֶפְקֵר; דַארְף מֶען אוּנְז צוּ עֶפֶּעס — מַאכְט מֶען פוּן אוּנְז אַ גַאנְצֶען פֵּרוּשׁ, הֵייסֶען מִיר בִּירְגֶער, הֶעלְדֶען, טְרַייֶע דִינֶער אוּנ פֶעהִיגֶע מֶענְשֶׁען; הֶערְט אוֹיף דִי נוֹיטְה אִין אוּנְזֶערֶע כֹּחוֹת — זֶענֶען מִיר עֶרְגֶער אַלְס הִינְט; בַּיי אַלְלֶע צָאהְלוּנְגֶען שְׁטֶעלְט מֶען אוּנְז צוּם צֶעטִיל מִיט דֶעם גְרֶעסְטֶען חֵשֶׁק, אַז מֶע דַארְף אָבֶּער אָבְּצָאהְלֶען דֶערְנָאךְ אוּנְז מִיט מֶענְשְׁלִיכְקַייט — זוּכְט מֶען אוֹיס אוֹיף אוּנְז אַלְלֶע פּוּסְטֶע בִּלְבּוּלִים, מֶען וַוייזְט אוֹיס, אַז מִיר זֶענֶען גָאר נִיט־קֵיין מֶענְשֶׁען גְלַייךְ מִיט זֵיי. גֶענוּג שׁוֹין אוּנְז צוּ זַיין בֶּעטְלֶער אִין דֶער פְרֶעמְד, גֶעבְּטִיגֶען וואוּ אַ טָאג, וואוּ אַ נַאכְט, אוּנ אוּמֶעטוּם זַיין ווִילְד פְרֶעמְדֶע, מִיר זֶענֶען אוֹיךְ אַזֶעלְכֶע יַחְסָנִים וִוי דִי פֶּערְסֶען, מִידְיֶער, אַרַאבֶּער אוּנ נָאךְ אַנְדֶערֶע, מִיר זֶענֶען נָאךְ גְרֶעסֶערֶע מְיוּחָסִים פוּן זֵיי, מִיר זֶענֶען עֶלְטֶער פוּן זֵיי, קְלִיגֶער פוּן זֵיי, עֶהְרְלִיכֶער פוּן זֵיי, אַז אַזֶעלְכֶע דִיקָארֶעס הָאבֶּען אֵיין אֵייגֶען לַאנְד, פַאר וָואס זָאלֶען מִיר עֶס נִיט הָאבֶּען? נֵיין, נִיט אַנְדֶערְשׁ — אַ לַאנְד מוּזֶען מִיר הָאבֶּען, דָאס לַאנְד פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערֶען! אַהֵיים, בְּרִידֶער, אַהֵיים, לְשָׁנָה הַבָּאָה בִּירוּשָׁלַיִם!

**שמעי.** זֶעהְר אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ אוּנ טַאקִי אִיבְּרִיג אוֹיךְ. מַאלָא וָואס הָאט זִיךְ אַמָאל גֶעטְרָאפֶען אִין מָדַי, דַארְפֶען מִיר אוֹיף דֶעם תָּמִיד מָרָה שְׁחוֹרָה זַיין? דַאנְקֶען גָאטְט אִין בָּבֶל לֶעבֶּען מִיר גַאנְץ רוּהִיג, אוּנְזֶער קֶענִיג בֵּלְשַׁאצַר זָאל לֶעבֶּען גִיט אוּנְז אַלְלֶע פְרַייהַייטֶען. אִיבְּרִיגֶענְס, וֶועט אִיהְר דִי זַאךְ אוֹיסְפִיהְרֶען וֶוען עֶס

איז – מֵהֵיכָא תֵּיתֵי, נָאר אִיךְ גְלוֹיבּ נִיט אַז מֶען זָאל אַזאַ זַאךְ דורְכְזֶעטְצֶען, דֶער ווייל לָאמִיר טְרִינְקֶען, בְּרִידֶער, פוּן אוּנְזֶער נַייֶעם פַאטֶערְלַאנְד וֶועגֶען מִיט זַיינֶע קְלִיגֶע נַאטְשַׁאלְנִיקֶעס. (עֶר טְרִינְקְט)

**פשחור.** (הֵייבְּט דֶעם כּוֹס) הֵידָד! עֶס לֶעבֶּע דָאס כַּלְדֵייאִישֶׁעס פָאלְק, עֶס לֶעבֶּען אַלֶע זַיינֶע אַדְמִינִיסְטְרַאטָארֶען! (עֶר טְרִינְקְט) אִיךְ הַאלְט מִיט שִׁמְעִי'ן, מִיר דַארְפֶען זִיךְ קֵיין נַייֶע דְרָכִים נִישְׁט זוּכֶען, מַאלָא וָואס עֶס טְרֶעפְט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט? אוּנ אַז אֲפִילוּ הָמָן וָואלְט שׁוֹין אוּסְפֶּעיֶעט אוֹיסְצוּהַרְגֶענֶען עֶטְלִיכֶע טוֹיזֶענְד יוּדֶען, וָואלְט נָאךְ כְּלַל יִשְׂרָאֵל אַלְץ גֶעבְּלִיבֶּען אַגְרוֹיסֶע אוּנ אַ פֶּעהִיגֶע אוּמָה. יֶעדֶען פָאלְק טְרֶעפְט אַמָאל אוּמְגְלִיקֶען, אַמָאל פוּן אַ מִלְחָמָה, אַמָאל פוּן אַ עֶרְדְצִיטֶערְנִישׁ, אַמָאל פוּן אַ פֶערְפְלֵייצוּנְג אוּנ דִי וֶועלְט פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען בְּלַייבְּט אַ וֶועלְט. אִיךְ מוּז אֵייךְ זָאגֶען דֶעם אֱמֶת, אַז אִין אַ סַךְ צָרוֹת זֶענֶען מִיר אַלֵיין שׁוּלְדִיג, מִיר לֶעבֶּען אָבְּגֶעזָאנְדֶערְט פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע אוּמוֹת, מִיר עֶסֶען נִיט מִיט זֵיי אִין אֵיינֶעם, מִיר זֶענֶען זִיךְ מִיט זֵיי נִישְׁט מִתְחַתֵּן, זֶעהֶען מִיר טַאקִי אוֹיס בַּיי זֵיי אַזוֹי וִוי ווִילְד פְרֶעמְדֶע, וִוי שׂוֹנְאִים. דֶערְצוּ זֶענֶען מִיר טַאקִי קַארְג גֶע-לֶערֶענְט, מִיר זֶענֶען אִין גַאנְצֶען אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען אַלְץ אוּנְזֶערֶע אֵייגֶענֶע סְפָרִים, קֵיין זַייטִיגֶע סְפָרִים ווִילֶען מִיר נִיט ווִיסֶען. לָאמִיר פְּרִיוֶוען מִיט זֵיי אִין אֵיינֶעם זַיין מִיט אַלֶעמֶען: זִיךְ פְרֶעהֶען אִין זֵייעֶרֶע יָמִים-טוֹבִים, עֶסֶען דָאס וָואס זֵיי עֶסֶען, זִיךְ מִיט זֵיי מִתְחַתֵּן זַיין, וֶועט אִיהְר זֶעהֶען ווִי אִין אַ פָּאאַר צֶעהְנְדְלִיג יָאהְר וֶועט מֶען אוֹיף הֶערֶען הַאלְטֶען אוּנְז פַאר פְרֶעמְדֶע.

**מרדכי** (צוּ זְרֻבָּבֶל'ן מִיט פֶערְוואוּנְדֶערוּנְג) הֶער פְּרִינְץ, דָאס אִיז אַ יוּד אָדֶער אַ כַּאלְדֵייעֶר?

**פשחור** אִיךְ בִּין אַ יוּד, נָאר אִיךְ בִּין אוֹיךְ אַ מֶ ע נ ש, בַּיי מִיר זֶענֶען אַלֶע מֶענְשֶׁען גְלַייךְ, עֶס דַארְף קֵיין חִלּוּק נִיט זַיין צְווִישֶׁען אַ יוּד, אַ כַּאלְדֵייעֶר, אַ פֶּערְסִיעֶר אוּנ אַ מִצְרִי.

**מרדכי** וָואס הֵייסְט? מִיר מַאכֶען דֶען דֶעם חִלּוּק? וָואס זָאלֶען מִיר טְהוּן, אַז דִי וֶועלְט טְהֵיילְט אָבּ פוּן אֵייגֶענֶע בִּיז פְרֶעמְדֶע אוּנ מִיר לַיידֶען דֶערְפוּן צַייט אוּנְזֶער הִיסְטָארְיֶע עֶקְזִיסְטִירְט.

**דניאל** אִיהְר פֶערְשְׁטֶעהְט נִישְׁט וָואס עֶר מֵיינְט: עֶר ווִיל פָּשׁוּט מִיר זָאלֶען זִיךְ אוֹיסְמִישֶׁען מִיט דִי כַּאלְדֵייעֶר, מִיר זָאלֶען אָנְנֶעמֶען זֵייעֶר כַאראַקְטֶער אוּנ זֵייעֶר אֱמוּנָה, מִיר זָאלֶען זִיךְ אַזוֹי פֶערְגְלַייכֶען צוּ דִי כַּאלְדֵייעֶר, אַז נִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער נִיט אוּנְזֶערֶע זָאלֶען שְׁפֶּעטֶער ווִיסֶען, וֶוער עֶס קוּמְט אַרוֹיס פוּן אַבְרָהָמְ'ס קִינְדֶער אוּנ וֶוער נִיט, וֶוער עֶס אִיז אַ יוּד אוּנ וֶוער אַ כַּאלְדֵייעֶר. עֶר ווִיל אַז דֶער אַלְטֶער בּוֹים, וָואס שְׁטֶעהְט שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג, זָאל אוֹיס גֶעהַאקְט וֶוערֶען אִין

גאנצען, און זיינע געזונדטע צווייגליך זאלען פערפלאנצט ווערען אין אנדערע ביימער, אז מען זאל גאר ניט וויסען אז זיי קומען ארויס פון דעם אלטען און פראבטפאלען ארץ־ישראל־בוים, וואס איז בערימט אין דער גאנצער וועלט. אז די שאנע פריכטע וואס דער דאזיגער בוים האט ארויס געגעבען — אונזערע היילינע תורה מיט אונזערע דינים, זאלען פערוואנדעלט ווערען אין ווילדע פריכטע, אין די עבודות זרות פון די כאלדייער, פערסען און מצרים. טענה'ט ניט מיט איהם, ברידער; מיט אזעלכע פערראטהער האבען מיר ניט וואס צו רעדען: לאזען זיי טהון וואס זייער פאלש הארץ גלוסט, נאר מיט אונז זאלען זיי זיך נישט אנקעהרען.

**פשחור** נא, נא, געהט אייך געזונדטער־הייד אין אייער וויסטען ארץ־ישראל, אויב איהר קענט, אין אייערע פוסטע חורבות, אויב מע וועט אייך לאזען. איהר זענט אבער נאר וואילדע יונגען דא ביים גלעזעל וויין; אז עס וועט קומען צום טהון וועט איהר בלייבען שטעהן ווי די העלצער.

**ישעיה** (מיט ענטוזיאזמוס) אין אונזער לאנד בעשטעהט אונזער לעבען, אונזער זיין אויף דער וועלט אלס מענשען; אהן א לאנד, זענען מיר הפקר, מיר זענען ערגער ווי בהמות. איין אקס האט אויך א שטאלל, א פערד — א קאניאשנא, מיר אבער וואלגערען זיך אין דער פרעמד ווי די בעטלער, דערפאר האלט מען אונז טאקי פאר בעטלער, גיין! קיין קרבן דארף אונז ניט צו שווער זיין די זאך איים צו פיהרען, אין דעם הענגט אב דאס לעבען פון אונזער פאלק, דער עקסיסטענץ פון דעם כלל ישראל. איז דען דא פאר א מענשען א שווערע זאך, ווען ער דארף זיין לעבען דערהאלטען? אוועק שוויריגקייטען פון דעם הייליגען וועג, וואס פיהרט אונז צו דערהאלטען דעם כלל ישראל! א קול פון דעם הימעל שרייעט: „מאכט א וועג פאר גאטט, גלייכט איים אין דער וויסטעניש א באהן פאר אונזער גאטט, אללע טאהלען וועלען הויך ווערען, אללע בערג — נידריג, קרומע וועגען וועלען איים געגלייכט זיין און געדרעהטע בערג — טאהלען".

**דניאל.** אז מען וויל נאר אזאך ערנסט, ניט אויף קאטאוויס, פיהרט מען זי איים. צו יעדער זאך דארף מען נאר דריי זאכען: רצון, שכל און ענערגיע, אז מען האט זיי — פיהרט מען אללעס אויס.

**פשחור**. איהר זענט אללע פאנאטיקער, בונטאווטשיקעס, מורדים במלכות; עס וועט אייך נישט איינגעהן, איך וועל עס ניט דערלאזען, נישט נאר איך אליין, נאר אויך אללע פראקטישע און קלוגע לייט. איהר מעגט אפילו אויף די קאפ געהן...

**יהושע, שריה אונ מרדכי.** (הֵייבֶּען זִיךְ אויף מִיט כַּעַס) אַ טויְדְט, אַ טוידְט דֶעם פֶּערְרָאֶטְהֶער! (וואַרְפֶען זִיךְ איף פַּשְׁחוּר, פַּשְׁחוּר שְׁטֶעלְט זִיךְ אוּנ הֵייבְּט אויף בֵּיידֶע הֶענְד, זְרֻבָּבֶל לויפְט צוּ)

**זרבבל.** נֵיין, מַיינֶע לִיעבֶּע גֶעסְט, בַּיי מִיר אִין שְׁטוּב וֶועל אִיךְ קֵיין סְקַאנְדַאלֶען נִישְׁט לָאזֶען מַאכֶען.

**יהושע.** הֶערְסְטוּ דֶענְן נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט? עֶר מַאכְט גָאר אויף אוּנְז פַאלְשֶׁע בִּלְבּוּלִים, אַז מִיר זֶענֶען מוֹרְדִים בְּמַלְכוּת, עֶר וֶועט גָאר שְׁטֶערֶען דֶעם גְלִיק פוּן אוּנְזֶער פָאלְק, דֶער טויְדְט מוּז אִיהְם נֶעמֶען!

(אַ בַּאלְדֵייאִישֶׁער הָאפְמַאנְן מִיט פִּיעל סָאלְדַאטֶען קוּמֶען אַרַיין, אַלֶּע שְׁטֶעלְלֶען זִיךְ).

**דער האפמאנן.** וֶוער אִיז דָא דֶער ווירְטְה, דֶער פְּרִינְץ זְרֻבָּבֶל?

**זרבבל.** אִיךְ, וָואס ווינְשְׁט מַיין הֶערְר?

**דער האפמאנן.** אִיךְ קָאם צוּ דִיר אִינ'ם נָאמֶען פוּנ'ם גְרויסֶען בַּאבִּילָא־נִישֶׁען קֶענִיג בֵּלְשַׁאצַר, וֶועלְכֶער בֶּעפֶעהְלְט, אַז דוּ, אַלְס רֹאשׁ־גָלוּת, יוּדִישֶׁער פָאְרְשְׁטֶעהֶער, זָאלְסְט אִיהְם גֶעבֶּען הוּנְדֶערְט צֶענְטְנֶער זִילְבֶּער אוּנ אֵיין צֶענְטְנֶער גָאלְד, וָואס יוּדֶען מוּזֶען אַרֵיינְטְרָאגֶען דֶעם קֶענִיג.

**זרבבל.** אִיךְ פֶערְשְׁטֶעה דִיךְ נִישְׁט, מַיין הֶערְר, עֶרְשְׁט מִיט צְווֵיי וָואכֶען פְרִיהֶער הָאבּ אִיךְ אַרַיינְגֶעטְרָאגֶען דֶעם קֶענִיגְס־קָאזְנַאטְשֶׁעי פָּארַאט פַאר אַלֶּע יוּדֶען פוּן בָּבֶל.

**דער האפמאנן.** אָ, פֶערְפְלוּכְטֶע יוּדֶען, זֵיי פְרֶעגֶען אַלְץ קֻשְׁיוֹת! דֶער קֶענִיג פִיהְרְט אַצוּנְד אַ מִלְחָמָה מִיט כּוֹרֶשׁ'ן, דֶעם קֶענִיג פוּן פָּרַס, דַארְף עֶר הָאבֶּען גֶעלְד.

**זרבבל.** ווִי קֶענֶען מִיר נֶעמֶען אַזַא סוּמְמַא גֶעלְד, נָאכְדֶעם ווִי מִיר הָאבֶּען דָא נִיט לַאנְג דָאס לֶעצְטֶע אַרַיינְגֶעטְרָאגֶען פַאר פָּארַאט?

**דער האפמאנן.** ווִי קֶענְט אִיהְר נֶעמֶען? פֶערְקויפְט אַייעֶרֶע הַייזֶער, אַייעֶרֶע פֶעלְדֶער, אַייעֶרֶע בְּהֵמוֹת, אַייעֶרֶע זַיְקְן, אַייעֶרֶע טֶעכְטֶער — אוּנ גִיט גֶעלְד: אִיהְר דַארְפְט צָאהְלֶען אִין צְווֵייעֶן: ווִי אַלֶּע בִּירְגֶער אוּנ ווִי יוּדֶען בֶּעזוּנְדֶער, אוֹיף וָואס הֶענְן הַאלְטֶען מִיר אַייךְ אִין אוּנְזֶער לַאנְד?

**זרבבל.** גֶענֶעדִיגְסְטֶער הֶערְר....

**דער האפמאנן.** אָהְן טַעֲנוֹת! דֶער קֶענִיג הָאט אוּנְז גֶעהֵייסֶען אַרֶעסְטִירֶען דַיין פְרוֹי, דַיינֶע קִינְדֶער אוּנ אַלֶּע אַייעֶרֶע אַרִיסְטָאקְרַאטֶען, בִּיז דוּ וֶועסְט אִיהְם דָאס גֶעלְד נִיט אַרַיינְטְרָאגֶען, וֶועסְט דוּ פֶערְשְׁפֶּעטִיגֶען — וֶועט מֶען זֵיי אַלֶּע פֶער־

קויפֿען פֿאר קָנֶעכט; גֶעלד! (דָנִיאֵל גֶעהְט צו צום הָאפְּטמאַנְן. דֶער הָאפְּטמאַנְן) אָ, דָנִיאֵל, דו בִּיסְט אויךְ דָא? דו בִּיסְט דָאךְ בַּיי אוּנְזֶער אַלְטֶען קֶענִיג נְבוּכַדְנֶצַר מִינִיסְטֶער גֶעוועזֶען, דִיךְ ווֶעל אִיךְ נִישְׁט אַרֶעסְטִירֶען, פָּארְט אַ גֶעדִינְטֶער מאַנְן, גֶעה דִיר אַהֵיים, אוּנ זַיי פּוֹתֵר חָלוֹם דַיינֶע יוּדֶען, וואוּ זַיי זָאלֶען גֶעלְד נֶעמֶען (צוּ דִי סָאלְדַאטֶען) קִינְדֶער, וָואס שְׁטֶעהְט אִיהְר? קֵייטֶען! (דִי סָאלְדַאטֶען מִיט קֵייטֶען אִין דִי הֶענְד פַאלְלֶען אוֹיף דִי גֶעסְט).

(פֿאָרהאַנג פֿאַלט).

---

# צווייטער אקט.

---

(דָנִיאֵל'ס צִימֶער, דִי פֶענְסְטֶער זֶענֶען אָפְּפֶען קֶעגֶען יְרוּשָׁלַיִם, דָנִיאֵל שְׁטֶעהְט אוֹיף דִי קְנִיע אוּנ בֶּעט גָאטְ):

וִוי לַאנְג, אָ גָאטְט, וֶועלֶען מִיר זַיין אִין דֶער פְרֶעמְד
פֶערְשְׁטוֹיסֶען, פֶערְוָוארְפֶען פוּן אוּנְזֶער אֵייגֶענֶעם לַאנְד?
מִיר זֶענֶען הֶפְקֵר פַאר יֶעדֶען, נִיט זִיכֶער מִיטְ'ן הֶעמְד,
גָאר אֵיינְס אִיז אוּנְזֶער אֵייגֶענְטְהוּם: חֶרְפָּה אוּנ שַׁאנְד!

---

אוּנְזֶער כָּבוֹד, אוּנְזֶערֶע גֶעפִיהְלֶע טְרֶעט מֶען מִיט דִי פִּיס,
אוּנְזֶער מִיה, אוּנְזֶער פֶערְמֶעגֶען אִיז נִיט אִין אוּנְזֶער הַאנְד,
וֶוער עֶס ווִילְל רַאבֶּעוֶועט, וֶוער עֶס ווִילְל—גִיט אַ בִּיס,
וָוארוּם מִיר זֶענֶען אַיינְגֶעבֶּעטֶענֶע אִין אַ פְרֶעמְדֶען לַאנְד.

---

אוּנְזֶער לֶעבֶּען, אוּנְזֶערֶע טאֶכְטֶערְס עֶהְרֶע הֶענְגְט אוֹיף אַ הָאאָר,
וֶוער גָאר כֹּחַ הָאט הֵייבְּט אוֹיף אוּנְז זַיין הַאנְד,
מִיר מוּזֶען שְׁוַוייגֶען נִיט עֶפְּפְנֶען קַיין מוֹיל גָאר,
מִיר זָאלֶען מִיטְ'ן שְׁרַייעֶן נִיט פֶערְעֶרְגֶערְן אוּנְזֶער שְׁטַאנְד.

---

דַיין נָאמֶען אִיז עֶרְנִיעֶדְרִיגְט, דַיין תּוֹרָה פֶּערְאַכְט ,
זִי הֵייסְט בַּיי זֵיי פַאנַאטִיזְם, הַאלְטֶען זִי — אִיז אַ שַׁאנְד ;
צוּ וַוייזֶען דַיין גְרוּלָה אִיז אוּנְזֶער מוּיל פֶּערְמַאכְט ,
וָוארוּם מִיר זֶענֶען נִיט אִין דֶער הֵיים, אִין אוּנְזֶער לַאנְד ·

---

וִוי לַאנְג, אָ גָאטְט , וֶועלֶען מִיר אַזוֹי פֶּערְשְׁוַוארְצְט וֶוערֶען ?
וִוי לַאנְג וֶועט דַיין צָאהְרֶען בְּרֶענְנֶען וִוי אַ בְּרַאנְד ?
אוּנְזֶערֶע בְּרוּידְט אִיז — צָרוֹת , אוּנְזֶער טְרוּנְק— טְרֶעהְרֶען ,
אָ מִיר זְענֶען שְׁטִיעֶפְקִינְדֶער אִין דֶער שְׁטָאכְמַאמֶעם לַאנְד ·

---

שְׁטִיעֶפְקִינְדֶער ? אִיז דֶען אוּנְזֶער טַאטֶע צוּ דִי מֵתִים אַרוֹיף ?
אִיז אוּנְזֶער מַאמֶע אִינְ׳ם קַאלְטֶען קֶבֶר פֶּערְבַּאנְנְט ?
דַיין לֶעבֶּען, פָּאטֶער אוּנְזֶערֶער , הָאט דָאךְ קֵיין סוֹף ,
זִי לֶעבְּט אוֹיךְ אוּנְזֶער מוּטְטֶער , אוּנְזֶער עֶלְטֶערֶענְס לַאנְד !

---

זֶענֶען מִיר דֶענְן עֶרְגֶער פוּן אַלֶע אוּמוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט ?
אַלֶע זִיטְצֶען זִיךְ אִין דֶער הֵיים וִוי אוּנְטֶער אַ וַואנְד ,
נָאר מִיר אַלֵיין זֶענֶען אוּמֶעדוּם אַלְס בֶּעטְלֶער גֶעשְׁטֶעלְט ,
מִיר זֶענֶען פוּלְל אוּמֶעדוּם , נָאר נִישְׁט אִין אוּנְזֶער לַאנְד ·

---

אַ פוֹיגֶעל הָאט אַ נֶעסְט , אַ שְׁלַאנְג — אַ קְוַוארְטְהִיר ,
יֶעדֶעס לֶעבֶּעדִיגֶעס—אַ וָואהְנוּנְג נָאךְ זַיין שְׁטַאנְד ,
נָאר דַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל וַוייזְט מֶען אוּמֶעדוּם דִי טְהִיר ,
נָאר קְבָרִים קְרִיעגְט עֶס פְרַיי אִינְ׳ם פְרֶעמְדֶען לַאנְד ·

---

האב שוין רַחְמָנוּת, גאטט, עפפען דיינע אויגען,
בעוויז דיין כֹּחַ, מאך פריי דיין שטארקע האנד,
וויז שוין אויך דיין פאלק איין ארט דעם קאפ צו לעגען —
פיהר אונז שוין צוריק אין אונזער היילִיג לאנד.

---

אין אונזער היילִיג לאנד זאלסט דו אונז שוין ברענגען;
אהן איהם זענען מיר מֵתִים, וועזען אהן א בעשטאנד;
גענוג אונז שוין צו זיין גרים, אין דער לופט תָּמִיד הענגען —
אין אונזער היילִיג לאנד, אין אונזער היילִיג לאנד!

---

(זרבבל קומט אריין, דניאל בעמערקט איהם נישט, הייבט זיך אויף אונ בעטט:) יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ ד׳ צוּרִי וְגוֹאֲלִי.

**זרבבל.** מיט דיר איז דער גרויסער גאטט, דו וואונדערליבער געלעהרטער מאנן. וואס פאר פענסטער זענען דאס אפפען דא אין דער זייט?

**דניאל.** גאטט זאל דיך בענשען, פרינץ; די פענסטער זענען גלייך אקעגען אונזער היילִיגער שטאדט ירושלים, צו וועלבער איך שטעל זיך מיט׳ן פנים אללע מאל, ווענן איך בעט גאטט. האסט דו עפעס גוטע נייעס? איז דענן דא א האפפנונג, אז מען זאל גיך בעפרייען אונזערע גוטע פריינד?

**זרבבל.** ניין, מיין פריינד, איך בין טאקי מכּח דעם געקומען צו דיר פרעגען איין עצה, איך האב אין גאנצען צונויפגעקליבען מיט גרויס מיה דרייסיג צענטנער זילבער, פאלגליך פעהלט מיר נאך 70 צענטנער זילבער אונ דער צענטנער גאלד. דא אין דער שטאדט איז שוין נישט דא ביי וועמען צו נעמען, פערקויפען הייזער קענן מען נישט, ווארום קיינער קויפט נישט, ווייל די שטאדט איז בעלאגערט פונ׳ם פערסישען חַיִל אונ קיינער ווייסט נישט וואס דער מארגענ־דיגער טאג וועט געבען. שיקען בעטען געלד אויף דער פראווינץ קענן מען ניט, ווייטער דער פאר, ווייל די שטאדט איז בעלאגערט. טאמער קענסט דו מיט דיין גרויסען קאנטשאפט פועל׳ן, אז מען זאל אויסווירקען ביים קעניג, ער זאל זיך בעגניגען מיט די 30 צענטנער זילבער, וואס מיר האבען, אדער, אים לעצטען פאלל, טאמיר קענסט דו ערגעץ קריגען לייהען דאס איבריגע, וואס אונז פעהלט.

**דניאל.** (לֶעגְט אַרוֹיף דִי הַאנְד אוֹיפְ'ן שְׁטֶערְן אוּנ טְרַאכְט אַ וַוייְלֶע) דִי שָׁעוֹת פוּן דֶער בְּלוּטְפַּאלְלֶער מְלוּכָה, פוּן בָּבֶל, זֶענֶען גֶעצֶעהְלְט, דִי זִינְדִיגֶע מִשְׁפָּחָה פוּן נְבוּכַדְנֶצַר'ן וֶועט בַּאלְד אוֹיסְגֶערָאטֶעט וֶוערֶען, אוּנְזֶערֶע הִילְף וֶועט קוּמֶען פוּנ'ם פֶּערְסִישֶׁען קֶענִיג כּוֹרֶשׁ, עֶר וֶועט נִיט נָאר אוּנְזֶערֶע גֶעפַאנְגֶענֶע בֶּעפְרַייֶען, אוּנְזֶערֶע צָרוֹת פֶערְגְרִינְגֶערֶען, נֵיין, עֶר וֶועט נָאךְ אוּנְז פוּנ'ם גָלוּת אַרוֹיסְלָאזֶען, עֶר וֶועט אוּנְז עֶרְלוֹיבֶּען נָאךְ אוּנְזֶער לַאנְד צוּ גֶעהְן, אַז עֶר וֶועט נָאר זֶעהְן וִוי טְרַיי מִיר זֶענֶען אִיהְם. נָאר מַלְאָכִים וֶועלֶען צוּ אִיהְם נִיט קוּמֶען אִין גָאטְט'ס נָאמֶען מִיט דִי וֶוערְטֶער: „שַׁלַח־עַמִי וְיַעַבְדוּנִי, שִׁיק אַרוֹיס מַיין פָּאלְק, זֵיי זָאלֶען מִיךְ דִינֶען", מִיר מוּזֶען טַאקְטִישׁ אוּנ קְלוּג אִיהְם עֶרְוֶועקֶען אוֹיף דֶעם.

**זרבבל.** (מִיט פֶּערְוואוּנְדֶערוּנְג) דוּ, גְרוֹיסֶער מַאנְן, זָאגְסְט עֶס? אָדֶער מַיינֶע אוֹיהְרֶען הָאבֶּען אוֹיפְגֶעהֶערְט רִיכְטִיג צוּ הֶערֶען? הָאסְט דוּ פֶּערְגֶעסֶען דִי ווּאֶרְטֶער פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶען נָבִיא יִרְמְיָה, וֶועלְכֶער הָאט אוּנְז גֶעהֵייסֶען טְרַייע זַיין אוּנְזֶער מְדִינָה? מִיר זֶענֶען בַּאבִילָאנִישֶׁע אוּנְטֶערְטֶעהְנֶער, מִיר דַארְפֶען גַישְׁט טְרַייע זַיין כּוֹרֶשְׁ'ן, צוּ שַׁאדֶען אוּנְזֶער קֶענִיג בֵּלְשַׁאצַר, אִיךְ גְלוֹיבּ מַיינֶע אוֹיהְרֶען נִישְׁט, אָדֶער אֶפְשַׁר הָאבּ אִיךְ דִיךְ נִיט רִיכְטִיג פֶערְשְׁטַאנֶען?

**דניאל.** דוּ הָאסְט מִן הַסְתָּם מַיין סֵפֶר נִישְׁט גֶעלֵייעֶנְט. אִין מַיין סֵפֶר זֶענֶען פֶּערְשְׁרִיבֶּען דֶער חָלוֹם פוּנ'ם קֶענִיג נְבוּכַדְנֶצַר, אוֹיךְ מַיינֶע צְוֵויי חֲלוֹמוֹת, אִין וֶועלְכֶע מֶען הָאט מִיר פוּנ'ם הִימְמֶעל גֶעווִיזֶען, אַז בָּבֶל וֶועט נִיט לַאנְג הֶערְשֶׁען, זִי מוּז פַאלֶען דִי פֶּערְסֶיער אִין דִי הֶענְד, אַז אוֹיף דֶעם אָרְט פוּנ'ם בַּאבִילָאנִישֶׁען קֶענִיג מוּז גְרוֹיס וֶוערֶען דֶער פֶּערְסִישֶׁער קֶענִיג. אִיצְט וֶועל אִיךְ דִיר מְגַלֶה זַיין נָאךְ אַ סוֹד: צַייט נְבוּכַדְנֶצַר אִיז גֶעוָוארֶען קֶענִיג אִיבֶּער בָּבֶל בִּיז אִיצְט אִיז שׁוֹין אַוֶועק 70 יָאהְר, אָט דָאס זֶענֶען דִי 70 יָאהְר, וָואס דֶער אֵייגֶענֶער יִרְמְיָה הַנָבִיא הָאט צוּ גֶעזָאגְט דֶער בַּאבִילָאנִישֶׁער מְלוּכָה צוּ גֶעוֶועלְטִיגֶען, בִּיז בָּבֶל וֶועט וֶוערֶען אַיין אֵייבִּיגֶע חוּרְבָה, אִיצְט אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען דִי בֶּעשְׁטִימְטֶע צַייט, בָּבֶל מוּז פַאלֶען אַצוּנְד, אַזוֹי וִוילל גָאטְט אוּנ זַיין עֵצָה וֶועט אוֹיסְגֶעפִיהְרְט וֶוערֶען גִיךְ פַאר אוּנְזֶערֶע אוֹיגֶען. בָּבֶל אִיז שׁוֹין גֶעפַאלֶען, מִיט אוּנְזֶער טְרַיישַׁאפְט וֶועלֶען מִיר זִי נִיט מַצִיל זַיין פוּן גָאטְטס הַאנְד, זִי אִיז שׁוֹין פֶערְלוֹירֶען, לָאמִיר הָאטְשׁ זִיךְ אַ טוֹבָה טְהוּן, בִּפְרַט אַז אוּנְזֶער טְהַאט דַארְף גָאר נִיט זַיין אַזאַ, וָואס זָאל שַׁאדֶען בְּרֶענְגֶען דִי בַּאבִילָאנֶער.

**זרבבל.** נָא, לָאז שׁוֹין זַיין אַזוֹי. וָואס טְהוּעֶן מִיר אָבֶּער מִיט אוּנְזֶער מַאסְסֶע, מִיטְ'ן פְּרָאסְטֶען עוֹלָם, זֵיי וֶועלֶען נִיט וֶועלֶען גֶעהֶען־קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אָהְן אִיבֶּערְנַאטִירְלִיכֶע נִסִים, זֵיי וֶועלֶען וַוארְטֶען, אַז מַלְאָכִים זָאלֶען זֵיי אִין אֵיין מִינוּט אִיבֶּערְטְרָאגֶען פוּן בָּבֶל אִין אוּנְזֶער הֵיילִיג לַאנְד, אוֹיסְבּוֹיעֶן זֵיי הַייזֶער דוּרְךְ נַאכְט אוּנ זָא וַוייטֶער.

**דניאל**. זֵיי וֶועלֶען גֶעהְן. מִיר וֶועלֶען זֵיי גֶעבֶּען צוּ פַארְשְׁטֶעהְן, אַז עֶס זֶענֶען דָא 2 מִינִים נִסִים, נַאטִירְלִיכֶע אוּנ אִיבֶּערְנַאטִירְלִיכֶע; נָאר גָאטְט מַאכְט נָאר דֶעמֶעלְט אִיבֶּערְנַאטִירְלִיכֶע נִסִים, וֶוען נַאטִירְלִיכֶע קֶענֶען נִיט גֶעהְן. אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן, לְמָשָׁל, הָאבֶּען אִין דֶער מִדְבָּר גֶעגֶעסֶען מָן, אַז זֵיי זֶענֶען אָבֶּער גֶע־קוּמֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאט דֶער מָן אוֹיפְגֶעהֶערְט. גָאטְט הָאט זֵיי שׁוֹין דָארְט דֶעם מָן נִיט גֶעגֶעבֶּען, וַוייל דָארְט הָאט מֶען שׁוֹין גֶעקֶענְט זֵייֶען. אִין דֶער מִדְבָּר, וואוּ מֶען קֶענְן נִיט זֵייֶען, הָאט גָאטְט גֶעטְהוּן אַיין אִיבֶּערְנַאטִירְלִיכֶען נֵס, גֶעגֶעבֶּען דֶעם מָן, אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אָבֶּער הָאט מֶען שׁוֹין קֵיין אִיבֶּערְנַאטִירְלִיכֶע נִסִים נִיט גֶעדַארְפְט, עֶס אִיז גֶענוּג גֶעוֶועזֶען דֶער גֶעוֶועהְנְלִיכֶער נַאטִירְלִיכֶער נֵס, אַז דָאס פֶּערְזֵייעֶטֶע וַואכְּסְט ווִידֶער אַרוֹיס. אַלְלֶע וֵוייסֶען, אַז אָהְן גָאטְט'ס ווִיל־לֶען וֶוערְט קֵיין קְרַאנְקֶער נִיט גֶעזוּנְד, פוּן דֶעסְטוֶועגֶען, אַז עֶמִיצֶער אִיז קְרַאנְק־וַוארְט עֶר נִישְׁט אוֹיף גָאלְלֶע נִסִים אוּנ זוּכְט זִיךְ טַאקִי רְפוּאוֹת אוֹיךְ, אוּנ אַז גָאטְט הֶעלְפְט אִיהְם אוּנ עֶר וֶוערְט גֶעזוּנְד, הֵייסְט עֶס טַאקִי אַ נֵס, נָאר אַ נַאטִירְלִיכֶער. וָואס זְשֶׁע דַארְפֶען מִיר הַארְעֶן אוֹיף אִיבֶּערְנַאטִירְלִיכֶע נִסִים, דָאס הֵייסְט, אַז מַלְאָכִים זָאלֶען אוּנְז שְׁלֶעפֶּען אִין אוּנְזֶער לַאנְד, וֶוענְן מִיר קֶענֶען זִיךְ בֶּעגֶעהֶען מִיט אַ נַאטִירְלִיכֶען נֵס, מֶען זָאל אוּנְז נָאר עֶרְלוֹיבֶּען גֶעהְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; פַאר וָואס זָאלֶען מִיר ווִינְשֶׁען צוּ גֶעפִינֶען דָארְטֶען פֶערְטִיגֶע הַייזֶער, אַז שְׁטֵיינֶער זֶענֶען דָא גַאנְץ גֶענוּג אוּנ גֶעזוּנְדְטֶע הֶענְד אוֹיךְ זֶעהְר פִיעֶל?

**זרבבל**. אִיךְ זֶעה נִיט אַרוֹיס, אַז אַסַךְ יוּדֶען זָאלֶען וֶועלֶען גֶעהְן קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אוּנְזֶערֶע יוּדֶען פֶעהְלְט דָאס נַאצְיָאנַאל־גֶעפִיהְל. אַזוֹי הָאבֶּען זֵיי נָאךְ שְׁלֹמֹה'ס טוֹיְדְט זִיךְ צוּטֶעהְלְט, מִלְחָמָה גֶעהַאט מִיט זִיךְ אַלֵיין, אַזוֹי פִיהְלֶען זֵיי נִיט אוֹיךְ אִיצְט ווִי שְׁלֶעכְט עֶס אִיז זֵיי דָא, ווִי נִידְרִיג זֵיי שְׁטֶעהְן בַּיי אַ לְיַאדֶע טוֹיגֶענִיכְטְס. וֶוער רֶעדְט אוּנְזֶערֶע עֲשִׁירִים ווִי פַּשְׁחוּר מִיט זַיין גַאנְצֶער פַּארְטַיי, וֶועלֶען אַוַדַאי נִיט וֶועלֶען פַאוֶועקְלָאזֶען זֵייעֶרֶע גְרוֹיסֶע הַייזֶער מִיט זֵייעֶרֶע גִיטֶער אוּנ זוּכֶען זִיךְ אַיין אֵייגֶען לַאנְד; זֵיי אִיז אוּמֶעדוּם גוּט, ווֶענִיגְסְטֶענְס מֵיינֶען זֵיי אַזוֹי.

**דניאל**. יִשְׂרָאֵל אִיז נָאךְ נִיט גֶעשְׁטָארְבֶּען. עֶטְלִיכֶע צֶעהְנְדְלִיג טוֹיזֶענְד עֶהְרְלִיכֶע פַּאטְרִיָאטֶען וֶועלֶען אִין דִי עֶרְשְׁטֶע עֶטְלִיכֶע יָאהְר אַרוֹיסְגֶעהְן אִין אוּנְזֶער לַאנְד, דֶערְוַוייל דַארְף מֶען נִישְׁט מֶעהְר, מֶען וֶועט מַאכֶען אַ יוּדִישֶׁען צֶענְטֶער, אַ בֵּית הַמִקְדָשׁ, אַ בֵּית דִין הַגָדוֹל, וָואס וֶועט בִּיסְלִיכְוַוייס צוּצִיהֶען מֶעהְר אוּנ מֶעהְר יוּדֶען. לָאמִיר אִין אוּנְזֶער לַאנְד הָאבֶּען חָאטְשׁ אַיין הַאלְב מִילְלִיאָן יוּדֶען־זֶענֶען מִיר שׁוֹין גֶערֶעטְהֶעט. דִי פֶּערְסִיעֶר וֶועלֶען אוֹיךְ נִיט אֵייבִּיג גֶעוֶועלְטִיגֶען, דָאס אִיז שׁוֹין אַ טֶבַע פוּן אַלְלֶע מִזְרַח פֶאלְקֶער, חוּץ יוּדֶען, אַז ווִי נָאר זֵיי וֶוערֶען

שְׁטַארְק – הֵייבֶּען זֵיא אָן זַיין פויל, גֶעבֶּען זִיךְ אִיבֶּער צוּ תַּעֲנוּגִים, בִּיז זֵיי וֶוערֶען פֶערְשְׁוַואכְט אוּנ פַאלֶען אָהְן כֹּחוֹת. אַזוֹי אִיז גֶעוֶועזֶען מִיט אַשּׁוּר, אַזוֹי אִיז אִיצְט מִיט בָּבֶל, אַזוֹי וֶועט זַיין אוֹיךְ מִיט פָּרַס, – אוֹיךְ פָּרַס וֶועט פַאלֶען, אוֹיךְ אִיהְרֶע יוֹרְשִׁים וֶועלֶען נִיט לַאנְג הֶערְשֶׁען, אוּנ דֶערְנָאךְ – אָ אִיךְ זֶעה דֶעם גְרוֹיסֶען, גְלִיקְלִיכֶען גָאטְטֶעס טָאג, דֶעמֶעלְט וֶועלֶען מִיר אָפְּנֶעהְמֶען אוּנְזֶערְס, אָנְשְׁטָאט צוּ פֶערְגִיסֶען אוּנְזֶער בְּלוּט פַאר פְרֶעמְדֶע, מִלְחָמָה הַאלְטֶען פַאר דִי כַּאלְדֵייֶער מִיט דִי פֶּערְסֶיער, פַאר דִי פֶּערְסֶיער – מִיט דִי כַּאלְדֵייֶער, אוּנ דֶערְסְטְגְלַייכֶען, – וֶועלֶען מִיר פֶערְגִיסֶען אוּנְזֶער בְּלוּט פַאר אוּנְזֶערֶע אֵייגֶענֶע אִינְטֶערֶעסֶען, פַאר אוּנְזֶער פָאלְק; דָאס וֶועט זַיין, אִיךְ זֶעה עֶס אַרוֹיס; עֶס קֶען זִיךְ פֶערְצִיעהֶען, נָאר דִי צַייט וֶועט מוּזֶען קוּמֶען, הָאסְט דוּ דֶענְן פֶערְגֶעסֶען דִי ווָארְטֶער פוּן דֶעם הֵיילִיגֶען נָבִיא יִרְמְיָה אִינְ׳ם נָאמֶען פוּן גָאטְט:

יְהוּדָה מִיט אַלְלֶע זַיינֶע שְׁטֶעדְט וֶועלֶען בֶּעזֶעסֶען זַיין,
זַיינֶע עֶרְד-אַרְבַּייטֶער אוּנ פַאסְטוּכֶער וֶועלֶען זַיין גוּטְס גֶענִיסְסֶען;
אִין יֶעדֶער אַרְבַּייט וֶועט אַ פָאלְשְׁטֶענְדִיגֶע בְּרָכָה אַרַיין,
אַלְלֶע שְׁמֶערְצֶענְדֶע נְשָׁמוֹת וֶועלֶען פֶערְבְּרֶענְגֶען אַ לֶעבֶּען אַ זִיסֶען.

---

וִוי לַאנְג דִי זוּן מִיט דִי שְׁטֶערֶען וֶועלֶען גֶעבֶּען זֵייעֶר שַׁיין,
וִוי לַאנְג דֶער יַם וֶועט זִיךְ בֶּעוֶועגֶען, אוּנ חְוַואלִים גֶעבֶּען –
אַזוֹי לַאנְג וֶועט מַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל אוֹיף דֶער וֶועלְט זַיין,
אַזוֹי לַאנְג וֶועל אִיךְ עֶס הַאלְטֶען, אַזוֹי לַאנְג וֶועט עֶס לֶעבֶּען!

---

(דָנִיאֵל זֶעצְט זִיךְ).

**זרבבל**. אָמֵן, הַלְוַאי זָאל גָאטְט פֶערְוִוירְקְלִיכֶען אַלְלֶע דַיינֶע ווָארְטֶער.
(דְרַיי פֶּערְסֶיער קוּמֶען אַרַיין, דָנִיאֵל הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף אוּנ זָאגְט): בָּרוּךְ הַבָּא בְּשֵׁם ד׳! שָׁלוֹם צוּ דִיר, גְרוֹיסֶער פֶּערְסִישֶׁער קֶענִיג!

**איינער פון די פערסיער**. עֶס וַוייזְט אוֹיס אַז מֶען הָאט מִיךְ נִיט גֶענַארְט, אַז מֶען הָאט מִיר גֶעזָאגְט, אַז דוּ בִּיסְט אַ גָאטְטלִיכֶער מַאנְן, אַ סִימָן הָאבּ אִיךְ, אַז דוּ וֵוייסְט ווָער אִיךְ בִּין, אוּנ אִיךְ בִּין פֶערְזִיכֶערְט, אַז אַ גָאטְטלִיכֶער מַאנְן וִוי דוּ וֶועט מִיךְ נִיט אוֹיסְגֶעבֶּען. וֶוער אִיז דַיין עֶהְרְווִירְדִיגֶער חָבֵר?

**דניאל.** דוּ הָאסְט נָאךְ פַאר זִיךְ גָאטְטלִיכֶע זַאכֶען אוֹיסְצוּפִיהְרֶען, וְוִי אַזוֹי קֶענְן אִיךְ גֶעהְן גֶעגֶען גָאטְט אוּנ דִיךְ אוֹיסְגֶעבֶּען? מַיין חַבֵר, דֶער יוּדֶעשֶׁער פְּרִינְץ, זְרֻבָּבֶל, דָאס אֵיינִיקִיל פוּן דָוִד הַמֶלֶךְ, וֶועט אוֹיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעבֶּען דֶעם, וָואס גָאטְט הָאט בֶּעשְׁטִימְט גְרָאסְסֶעס צוּ טְהוּן; זַיי פָּאלְקָאמְם רוּהִיג. זִיטְץ, גְרוֹיסֶער הֶערְשֶׁער! וָואס הָאט דִיךְ גֶעבְּרַאכְט צוּ מִיר? (עֶר שְׁטֶעלְט אִיהְם אַ שְׁטוּל).

**כורש.** אִינְ'ם גֶעגֶענְוַוארְט פוּנְ'ם גְרוֹיסֶען יוּדֶעשֶׁען חָכָם אוּנ גֶעטְטְלִיכֶען מַאנְן וַואג אִיךְ נִישְׁט צוּ זִיטְצֶען. מִיךְ הָאט גֶעבְּרַאכְט צוּ דִיר אַ חָלוֹם. הַיינְטִיגֶע נַאכְט, אַז אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁלָאפֶען, זֶעה אִיךְ אִין חָלוֹם וְוִי אַ שְׁרֶעקְלִיכֶער לֵייבּ שְׁטֶעהְט אוּנ אַרוּם אִיהְם שְׁטֶעהֶען פֶערְשִׁיעֶדֶענֶע חַיוֹת אוֹיף דִי קְנִיעֶס. בִּיסְלִיכְוַויז וֶוערֶען דִי חַיוֹת פֶערְשְׁווִינְדֶען אוּנ דֶער לֵייבּ שְׁטֶעהְט אַלֵיין אוֹיף אֵיין אָרְט, נָאר זַיין גְרוֹיזַאמְמֶעס פָּנִים וֶוערְט אַלְץ רוּהִיגֶער, מֶעהְר עֶהנְלִיךְ אוֹיף אַ מֶענְשְׁלִיכֶעס. פְּלוּצִים וֶוערְט דֶער לֵייבּ אַ מֶענְשׁ, אָבֶּער נִיט אַ הֶעלְדִישֶׁער, נָאר אַ שְׁוַאכֶער מִיט אַיין אוֹיסְגֶעדַארְטֶען פָּנִימְ'ל, אַזוֹי וְוִי אַ גֶעבַּאלֶעוֶועט בֵּן יָחִידְ'ל, אָדֶער וְוִי אַ יוּנְגֶער מַאנְן, וָואס פִיהְרְט אַיין אוֹיסְשְׁוַויפֶענְדֶעס לֶעבֶּען. וְוִי אִיךְ שְׁטֶעה אוּנ קוּק אַזוֹי – זֶעה אִיךְ אַז דֶער בָּחוּר לִיעגְט שׁוֹין אִין קְלֶיעטְקֶע, אוּנ פוּן דֶער וַוייטֶען רַייסְט זִיךְ צוּ אִיהְם אַ שְׁרֶעקְלִיכֶער בֶּער, נָאר צְווִישֶׁען דֶער קְלֶיעטְקֶע אוּנ דֶעם בֶּער גֶעהְט אַ טַייךְ, וָואס לָאזְט דֶעם בֶּער נִישְׁט צוּ צוּ זַיין קָרְבָּן. אִין דֶעם גֶעהְט צוּ אַיין אָבְּגֶעשׁוֹירֶען שָׁאפֶּעלֶע צוּם טַייךְ אַ טְרִינְק טְהוּן, עֶס גִיט נָאר אַ זוּפּ וַואסֶער אוּנ דֶער טַייךְ וֶוערְד פֶערְשְׁווִינְדֶען. אָט דָא גִיעט דֶער בֶּער אַיין שְׁפְּרִינְג אוּנ אִיז שׁוֹין בַּיי דֶער קְלֶיעטְקֶע, דִי קְלֶיעטְקֶע וֶוערְט צוּבְּרָאכֶען, פוּנְ'ם מֶענְשֶׁען – אַ הוֹיפֶען בֵּיינֶער, אוּנ אַלֶע חַיוֹת קוּמֶען ווִידֶער צוּזַאמְמֶען אוּנ קְנִיעֶן פַאר דֶעם בֶּער. דֶער בֶּער אָבֶּער זָאגְט זַיי: אָט דֶעם שָׁאפֶּעלֶע, וָואס הָאט פוּנְ'ם לֵייבּ אַזוֹי פִיעל גֶעלִיטֶען, הָאבּ אִיךְ צוּ פֶערְדַאנְקֶען מַיין נִצָחוֹן, דֶערִיבֶּער בֶּעפֶעהְל אִיךְ, אַז מֶען זָאל אִיהְם אָבְּגֶעבֶּען זַיין וָואלְל אוּנ אָבְּפִיהְרֶען עֶס אוֹיף דֶעם פֶעלְד וואוּ עֶס הָאט זִיךְ תָּמִיד גֶעפַּאסֶעט, אוּנ קֵיינֶער זָאל אִיהְם זַיין רוּה שְׁטֶערֶען. דָאס שָׁאפֶּעלֶע הָאט פַאר גְרוֹיס שִׂמְחָה אָנְגֶעהוֹיבֶּען טַאנְצֶען אוּנ זִינְגֶען, אוּנ אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיפְגֶעכַאפְּט. אַלֶע מַיינֶע חֲכָמִים הָאבֶּען דֶעם חָלוֹם נִיט גֶעקֶענְט פּוֹתֵר זַיין; זַיי הָאבֶּען מִיר גֶעזָאגְט, אַז נָאר דוּ, גֶעטְטְלִיכֶער מַאנְן, וָואס הָאט שׁוֹין אַ סַךְ חֲלוֹמוֹת פּוֹתֵר גֶעוֶועזֶען נְבוּכַדְנֶצַרְ'ן אוּנ אַנְדֶערֶע קֶענִיגֶען נָאךְ אִיהְם, וֶועסְט אוֹיךְ קֶענֶען מִיר פּוֹתֵר חָלוֹם זַיין. אַ גַאנְצֶען טָאג הָאבּ אִיךְ נִיט גֶעקֶענְט קוּמֶען אַהֶער, אִין דֶער שְׁטָאדְט, וֶועלְכֶע אִיךְ אַלֵיין בֶּעלַאגֶער יֶעצְט מִיט מַיין חַיִל, נָאר אִיצְט בַּיי נַאכְט הָאבּ אִיךְ מִיט מַיינֶע לַייבְּדִינֶער זִיךְ אִיבֶּער גֶעטְהוּן בַּאבִילָאנִישֶׁע קְלֵיידֶער, אוּנְטֶערְגֶעקוֹיפְט דִי סְטָארָאזְשֶׁעס, וָואס הִיטְטֶען דִי מוֹיעֶר אוּנ גֶעקוּמֶען צוּ דִיר. זָאג זְשֶׁע מִיר, גְרוֹיסֶער חָכָם, וָואס בֶּעטַייט דֶער חָלוֹם?

**דניאל**. גאָטט האָט דיר גֶעוויזֶען דַיין צוקונפְט. דֶער לֵייב וואָס אִיז גֶע-וואָרֶען ווִי אַ שְׁוואַכֶער מֶענְשׁ אִין אַ קְלֶיעטֶקֶע – אִיז בָּבֶל, וואָס פוּן אִיהְר אַמָאלִיגֶער שְׁטַארְקְהַייט אִיז אִיצְט, דוּרְךְ אִיהְר פוילֶען אוּנ פֶערְגֶעניגֶענְסְפָאלְלֶען לֶעבֶּען, שְׁוואַךְ גֶעוואָרֶען ווִי אַ קְרַאנְקֶער מֶענְשׁ, אוּנ פִיעֶל מְלוּכוֹת, וואָס הָאבֶּען אִיהְר פְרִיהֶער גֶעדִיעֶנְט, זֶענֶען שׁוין אַצוּנְד פוּן אִיהְר אָבְּגֶעפַאלְלֶען. דֶער בֶּער בִּיזְט דוּ, גְרויסֶער קֶעניג פוּן פָּרַס. דָאס אָבְּגֶעשׁוירֶען שָׁאֶפֶעלֶע – אִיז מַיין בִּידְנֶע פָאלְק יִשְׂרָאֵל. אַז דֶער טַייךְ, וואָס שְׁטֶערְט דִיר פוּן דַיין נִצָחוֹן, ווֶעט צוגֶעגֶעהְמֶען ווֶערֶען, ווֶעסְט דוּ אויסְפִיהְרֶען דַיין צְווֶעק אוּנ דֶערְנָאךְ בֶּעפְרַייֶען דָאס פָאלְק יִשְׂרָאֵל פוּנ׳ם גָלוּת, ווֶעסְט אִיהְם עֶרְלויבֶּען צוּ גֶעהֶען נָאךְ זַיין פַאטֶערְלַאנְד.

**כורש**. אָ׳ גאָטְטְלִיכֶער מַאנְן, אִיךְ פֶערְזִיכֶער דִיךְ, אַז אויבּ אִיךְ ווֶעל דִי קְלֶיעטֶקֶע, דָאס הֵייסְט דִי בֶּעלַאגֶערְטֶע שְׁטָאדְט בָּבֶל, נֶעהְמֶען, ווֶעל אִיךְ דַיין פָאלְק בֶּעפְרַייֶען, אָבֶּער דָאס שָׁאֶפֶעלֶע הָאט נָאךְ דֶעם טַייךְ נִיט אויסְגֶעטְרִיקֶענְט.

**דניאל**. גָאטְטֶס וואָרְט ווֶעט גֶעווִיס עֶרְפִילְט ווֶערֶען; דִי צֵייט ווֶעט אויךְ דִי טְהֵייל פוּנ׳ם חָלוֹם עֶרְקְלֶעהְרֶען.

**זרבבל**. גְרויסֶער קֶעניג, דָא אִין בָּבֶל זִיצְט גֶעפַאנְגֶען אַ יוּד, מָרְדְכַי, אַ גֶעווֶעזֶענֶער מִשְׁנֶה לְמֶלֶךְ אִין מָדַי, עֶר הָאט מִיר גֶעגֶעבֶּען אַ בִּיטְטֶע אויף דַיין נַאמֶען, דִיר אִיבֶּערְצוּשִׁיקֶען, עֶרְלויבּ דָאךְ מִיר צוּ בֶּענִיטְצֶען דֶעם גְלִיקְלִיכֶען צוּ-פַאלְל, וואָס אִיךְ הָאבּ דִי עֶהְרֶע דִיךְ יֶעצְט צוּ זֶעהְן אוּנ אִיבֶּערְגֶעבֶּען דִיר זַיין בִּיטְטֶע. פַאר דֶעם אִינְהַאלְט זָאלְסְט דוּ מִיךְ נִישְׁט בֶּעשׁוּלְדִיגֶען; עֶר, מָרְדְכַי, הָאט מִיר נִיט גֶעזָאגְט, וואָס עֶר פֶערְלַאנְגְט פוּן דִיר, וַואהְרְשֵׁיינְלִיךְ ווִילְל עֶר, אַז דוּ זָאלְסְט אִיהְם בֶּעפְרַייֶען. (עֶר גִיעֶט אִיהְם אַ בְּרִיעֶף).

**כורש**. עֶרְלויבְּט מִיר צוּ לֵייעֶנֶען דֶעם בְּרִיעֶף אִיהְר זָאלְט נִיט הֶערֶען. (עֶר גֶעהְט אַוֶועק-אִין אַ זַייט אוּנ לֵייעֶנְט פַאר זִיךְ): „גְרויסֶער קֶעניג! אִיךְ בֶּעט דִיךְ, דוּ זָאלְסְט נִיט פֶערְאַכְטֶען דִי עֵצָה פוּן דַיין קְנֶעכְט, א יוּד פוּן דַיין לַאנְד מָדַי, דַיינֶער אַיין אוּנְטֶערְטְהָאנֶער, ווֶעלְכֶער זִיצְט גֶעפַאנְגֶען אוּמְזִיסְט בַּיי בֵּלְשַׁאצַר׳ן. אויבּ דוּ ווִילְסְט אַרַיין אִין בָּבֶל, זָאלְסְט דוּ, דוּרְךְ אַ קַאנַאל, אָבְּפִיהְרֶען דֶעם טַייךְ פְּרָת, וואָס גֶעהְט אַרַיין דוּרְךְ דֶער מוּיֶער אִין שְׁטָאדְט אַרַיין. דֶערְוַוייל בֶּעט אִיךְ דִיךְ, דוּ זָאלְסְט מִיךְ בֶּעפְרַייֶען דוּרְךְ דֶעם וואָס דוּ ווֶעסְט בֵּלְשַׁאצַר׳ן אָבְּגֶעבֶּען זַיינֶעם אַיין אוּנְטֶערְטְהָאנֶער, וואָס אִיז בַּיי דִיר גֶעפַאנְגֶען. אִיךְ הָאפְף אַז אִיךְ ווֶעל מַיין קֶעניג נוּטְצְלִיךְ זַיין. דַיין אוּנְטֶערְטְהָאנֶער אוּנ קְנֶעכְט מָרְדְכַי, דֶער גֶעווֶעזֶענֶער מִשְׁנֶה לְמֶלֶךְ בַּיים קֶעניג פוּן מָדַי – אַחַשְׁוֵרוֹשׁ. –" (כּוֹרֶשׁ טְרַאכְט אַ ווַיילֶע, זָאגְט ווַייטֶער פַאר זִיךְ) אַ דַאנְק צוּ דִיר, גָאטְט, וואָס דֶער גַאנְצֶער חָלוֹם אִיז אִיי-עֶרְקְלֶעהְרְט! דָאס שָׁאֶפֶעלֶע הָאט בֶּאֱמֶת דֶעם טַייךְ אויסְגֶעטְרִיקֶענְט אִיי-

נִצָּחוֹן גֶעגֶעבֶּען. (הויך) עֶס לֶעבֶּען דִי יוּדֶעשֶׁע חֲכָמִים! (צוּ דָנִיאֵל'ן) נָא, מִיט וָואס בֶּעלוֹיהְנְט מֶען דִיךְ, גֶעטְלִיכֶער מַאנְן?

**דניאל.** אִיךְ וִוינְשׁ, אַז בַּיי דֶעם עֶרְשְׁטֶען מֶעגְלִיכְקֵייט זָאלְסְט דוּ בֶּעפְרַייֶען אוּנְזֶערֶע אוּמְשׁוּלְדִיגֶע אַרֶעסְטַאנְטֶען, וָואס בֵּלְשַׁאצַר הָאט אֵיינְגֶעזֶעצְט, כְּדֵי מֶען זָאל אִיהְם גֶעלְד גֶעבֶּען, אוּנ דֶערְנָאךְ — דָאס שֶׁאפֶּעלֶע בֶּעפְרַייֶען.

**כורש.** אִיךְ שְׁוֶוער דִיר בַּיי אַלְלֶעס הֵיילִיגֶען, אַז דוּ הָאסְט גֶעפּוֹיֶעלְט. אָבֶער וָואס זָאל אִיךְ דִיר אַלֵיין גֶעבֶּען?

**דניאל.** פַאר מִיר אִיז גֶענוּג, אַז מַיין פָאלְק וֶועט קֶענֶען נָאךְ זַיין לַאנְד גֶעהְן.

**כורש.** נָא, דוּ וֶוערְסְט בַּיי מִיר דֶער עֶרְשְׁטֶער מִינִיסְטֶער. (צוּ זְרֻבָּבֶל'ן) אוּנ דוּ, פְּרִינְץ, וֶועסְט אִין דַיין פַאטֶערְלַאנְד נַאמֶעסְטְנִיק וֶוערֶען (דָנִיאֵל אוּנ זְרֻבָּבֶל נֵייגֶען זִיךְ אוּנ בֶּעדַאנְקֶען אִיהְם) אוֹיךְ מָרְדְכַי'ס בַּקָשָׁה וֶועט עֶרְפִּילְט וֶוערֶען לוֹיט זַיין וואוּנְשׁ. אוֹיב עֶר וֶועט וֶועלֶען, וֶועט עֶר בַּיי מִיר בְּלַייבֶּען, אוֹיב עֶר וֶועט וֶועלֶען— וֶועט עֶר נָאךְ אַיְיעֶר לַאנְד גֶעהֶען.

**דניאל.** (גֶעהְט צוּ צוּם קַאסְטֶען, נֶעהְמְט אַרוֹיס אַ מְגִלָּה, גֶעהְט צוּ צוּ כּוֹרֶשׁ'ן) מַאךְ אוּנְז גְלִיקְלִיךְ, גְרוֹיסֶער קֶענִיג, אוּנ נֶעהְם בַּיי אוּנְז אַיין אַנְדֶענְק: אָט דָאס סֵפֶר הָאט גֶעשְׁרִיעֶבֶּען אוּנְזֶערֶער אַ נָבִיא, יְשַׁעְיָה, וֶועלְכֶער אִיז שׁוֹין טוֹידְט מֶעהְר אַלְס 150 יָאהְר, אוּנ דָא, אִינ'ם קַאפִּיטֶעל 44 אוּנ 45 וֶועסְט דוּ גֶעפִינֶען וִוי אַזוֹי אוּנְזֶער נָבִיא, וָואס אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען מֶעהְר אַלְס 100 יָאהְר אֵיידֶער דוּ בִּיסְט גֶעבּוֹירֶען גֶעווָארֶען, רֶעדְט פוּן דִיר, דֶערְמָאנְט דַיין נָאמֶען „כּוֹרֶשׁ״, פֶערְשְׁפְּרִיכְט דִיר גְרוֹיסֶע פָארְטְשְׁרִיטֶע אוּנ זָאגְט, אַז דוּ וֶועסְט דִי יוּדֶען בֶּעפְרַייֶען. יְרוּשָׁלַיִם הֵייסֶען בּוֹיֶען אוּנ דָאס בֵּית הַמִקְדָשׁ מַאכֶען.

**כורש.** (פַאלְט אוֹיף דִי קְנִיֶע) אָ, גְרוֹיס זֶענֶען דַיינֶע וִוינְדֶער, יוּדִישֶׁער גָאטְט! אִיךְ בִּין גְלִיקְלִיךְ, אַז אִיךְ בִּין אִין שְׁטַאנְד דַיין וואוּנְשׁ צוּ עֶרְפִילֶען, (עֶר הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף אוּנ נֶעמְט דִי מְגִלָּה) זַייט גֶעזוּנְד!

**דניאל אונ זרבבל.** גֶעה אִין נָאמֶען פוּן גָאטְט! (כּוֹרֶשׁ אוּנ זַיינֶע בֶּעדִיעֶנְטֶע גֶעהֶען אַוֶועק, זְרֻבָּבֶל אוּנ דָנִיאֵל בֶּעגְלֵייטֶען אִיהְם).

(עֶס הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף נָאךְ אַ פָּארְהַאנְג, עֶס קוּמְט פָאר בֵּלְשַׁאצַר'ס דְוָוארֶעץ פְּרַאכְטִיג גֶעצִיעֶרְט, בֵּלְשַׁאצַר מִיט זַיינֶע הָאפְלַייטֶע זִיטְצֶען אוּנ טְרִינְקֶען, אַרוּם אִיהְם זִיטְצֶען זַיינֶע וַוייבֶּער מִיט זַיינֶע קֶעבְּסְוַוייבֶּער, דֶער עוֹלָם אִיז פְרֶעהְלִיךְ אוּנ מֶען זִינְגְט):

---

וָואס הֶערֶען מִיר דִי פֶּערְסִיֶער , דִי נַארְרִישֶׁע קָאפּ ,
מִיר כַּאלְדֵייֶער , אֵייבִּיגֶע גִבּוֹרִים ?
מִיר וֶועלֶען זֵיי גֶעבֶּען פֶּערְזוּכֶען אוּנְזֶערֶע פַייֶערִיגֶע קְלֶעפּ ,
חָאטְשׁ מֶען זָאגְט אַז מִיר זֶענֶען שִׁכּוֹרִים .

---

הָאבֶּען מִיר דֶענְן מוֹרָא פַאר זֵייעֶר גְבוּרָה אִין דֶער מִלְחָמָה ,
אַז בֵּל אוּנ נְבוֹ זֶענֶען אוּנְזֶערֶע גאֶטְטֶער ?
וֶוער עֶס וָועט זִיגֶען אוּנ וֶועמֶען עֶס וֶועט אַרוֹיס דִי נְשָׁמָה —
וֶועלֶען אַלְלֶע זֶעהֶען שְׁפֶּעטֶער .

---

בֵּל אוּנ נְבוֹ הִיטְטֶען אוּנְז אָפּ פוּן בֵּיידֶע זַייטֶען ,
פוּן דֶער רֶעכְטֶער אוּנ דֶער לִינְקֶער ;
מִיר ווּעלֶען בֶּעסֶער טְרִינְקֶען אֵיידֶער שְׁטְרַייטֶען ,
לְכָבוֹד בֵּלְשַׁאצַר דֶעם גְרוֹיסֶען טְרִינְקֶער !

---

דִי פֶּערְסִיֶער מֶעגֶען אַרְבֵּייטֶען מִיט פַייל אוּנ בּוֹיגֶען —
מִיר וֶועלֶען זִיטְצֶען בַּיים גְלֶעזֶעל וַויין ,
אוּנ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וֶועט טַאקִי זֶעהְן מִיט דִי אוֹיגֶען
בַּיי וֶועמֶען דֶער נִצָחוֹן וֶועט זַיין !

---

**אללע .** עֶס לֶעבֶּע דֶער גְרוֹיסֶער קֶענִיג , דֶער גֶעלִיבְּטֶער פוּן בֵּל אוּנ נְבוֹ ,
דֶער טְרִינְקֶער בֵּלְשַׁאצַר , עֶס לֶעבֶּע זַיינֶע וַוייבֶּער , זַיין גַאנְצֶער הַארֶעם , הֶדָוָא !
(מֶע טְרִינְקְט)

**בלשאצר .** (דִי צִינְג טְלֶעפֶּעט זִיךְ בַּיי אִיהְם אוֹיס שִׁכְּרוּת) אַי , טִפְּשִׁים ,
וָואס פַאר כֵּלִים הָאט אִיהְר צוּם טְרִינְקֶען גֶעבְּרַאכְט ? גֶעהְט גֶעשְׁווִינְד אוּנ בְּרֶענְגְט
אַהֶער דִי כֵּלִים פוּנ'ם יוּדֶעשֶׁען בֵּית הַמִקְדָשׁ , וָואס מַיין זֵיידֶע נְבוּכַדְנֶצַר הָאט פֶּערְ־
בְּרֶענְט , אִיךְ ווִילְל נָאר אִין יֶענֶע כֵּלִים טְרִינְקֶען לְכָבוֹד מַיינֶע גֶעטְטֶער . דֶערְוַוייל
זָאל זִיךְ קֵיינֶער צוּם בֶּעכֶער נִיט צוּ רִיהְרֶען . וֶועטְלִיכֶע דִינֶער לוֹיפֶען גִיךְ אַרוֹיס ,
דֶער עוֹלָם שְׁוַוייגְט) .

**בלשאצר**. וָואס פַאר אַ מָרָה שְׁחוֹרָה אִיז דָאס דָא אַרוֹיף אוֹיף אַלְלֶע? אוּנ אִיהְר, מַיינֶע שֵׁיינֶע וַוייבֶּעלֶעךְ, וָואס זֶענְט אִיהְר אַזוֹי אָנְגֶעבְּלָאזֶען? לֶעבֶּעדִיג, אַ טֶענְצִיל! (דִי קֶעבְּסְוַוייבֶּער גֶעהֶען טַאנְצֶען, נַאכְהֶער דִי הוֹיפְלַייטֶע, דֶערְנָאךְ דִי קֶענִיגְלִיכֶע פְרוֹיעֶן, (דְרַיי דִיֶענֶער טְרָאגֶען אַרַיין דִי כֵּלִים פוּנ'ם בֵּית הַמִקְדָשׁ) שׁוֹין, גֶענוּג! (מֶע הֶערְט אוֹיף טַאנְצֶען) אַצוּנְד זֶעצְט זִיךְ טְרִינְקֶען (מֶע שְׁטֶעלְט אוֹיס דִי כֵּלִים פוּנ'ם בֵּית הַמִקְדָשׁ פַארְ'ן קֶענִיג, זַיינֶע וַוייבֶּער אוּנ קֶעבְּסְ־וַוייבֶּער אוּנ מֶע גִיסְט זֵיי אָן).

**בלשאצר**. לַאנְג לֶעבֶּען זָאל בֵּל מַיין גָאטְט,
נְבוֹ אוּנ מְרוֹדָךְ זָאלֶען זַיין גֶעזוּנְד!
זֵיי הָאבֶּען מִיר יְרוּשָׁלַיִם גֶעמַאכְט צוּם שְׁפָּאס
זֵיי וֶועלֶען מִיר בֶּעגְרָאבֶּען כּוֹרֶשְׁ'ן אַצוּנְד.

**אללע**. לְחַיִים, אוֹיף כּוֹרֶשְׁ'ס מַפָּלָה! (טְרִינְקֶען)

**בלשאצר**. בֵּל, נְבוֹ, מְרוֹדָךְ—מַיינֶע שְׁטַארְקֶע גֶעטְטֶער
זֵייעֶר כֹּחַ אִיז גְרוֹיס, הוֹיךְ אִיז זֵייעֶר מֶמְשָׁלָה,
זֵיי הָאבֶּען תָּמִיד גֶעהָאלְפֶען אוּנְזֶערֶע פָאטֶער
זֵיי וֶועלֶען אוּנְז אִיךְ הֶעלְפֶען אִיצְט אוֹיף כּוֹרֶשְׁ'ס מַפָּלָה!

**אללע**. לְחַיִים, אוֹיף כּוֹרֶשְׁ'ס מַפָּלָה! (טְרִינְקֶען)

(אַ מֶענְשְׁלִיכֶע הַאנְד עֶרְשַׁיינְט אוּנ שְׁרַייבְּט אוֹיף דֶער וַואנְד)

**בלשאצר**. בֵּל, נְבוֹ, מְרוֹדָךְ, מַיינֶע שְׁטַארְקֶע גֶעטְטֶער... (מִיט גְרוֹיס שְׁרֶעק) אוֹי! וָואָס אִיז דָא? אַ שְׁטִי־אִיק הַא־אַנְד! אָ אָ אָ... (עֶר וַוייזְט מִיט דֶער הַאנְד, דָאס שְׁטִיק הַאנְד וֶוערְד פֶערְשְׁוואוּנְדֶען) וֶוע־עֶרְטֶער! (אַלְלֶע שְׁטֶעלֶען זִיךְ אוֹיף, זֶעהֶען אוֹיף דֶער וַואנְד אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען וִוי אֵיין וָוארְט: **מנאמנאתקלופרסין**).

**בלשאצר**. (אִין צִיטֶערְנִישׁ) רוּ־אוּפְט מִיר גִי־אִיכֶער אַרַא־אַיין אַ־אַלְלֶע הַבָּא־אָמִים, אוֹי אוֹי... (אֵיינִיגֶע הָאפְלַייטֶע לוֹיפֶען צוּ צוּם קֶענִיג, חַאפֶּען אִיהְם אָן עֶר זָאל נִיט פַאלְלֶען, זֶעטְצֶען אִיהְם אוֹיף אַ שְׁטוּל, אַנְדָערֶע לוֹיפֶען בְּרֶענְגֶען דִי גֶעלֶעהְרְטֶע, דֶערְוַוייל גִיט מֶען דֶעם קֶענִיג אַ גְלָאז קַאלְטֶע וַואסֶער, עֶר טְרִינְקְט אוֹיס, דִי גֶעלֶעהְרְטֶע קוּמֶען אַרַיין).

**בלשאצר**. (וַוייזְט מִיט דֶער הַאנְד אוֹיף דֶער וַואנְד) אִיהְר זֶע־עֶהְט?... וֶוער עֶס וֶועט דָאס אִיבֶּערְלֵיינֶען אוּנ מִיר עֶרְקְלֶעהְרֶען – וֶועל אִיךְ אִיהְם

אָנְטְהוּן אִין פּוּרְפּוּר, אִין אַ גָאלְדֶענֶע קֵייט, אִיךְ וֶועל אִיהְם אַוֶועקְגֶעבֶּען אַ דְרִיטְטֶעל מְלוּכָה. לֵייאֵיעֶנְט! (דִי גֶעלֶעהְרְטֶע שְׁטֶעהֶען וִוי דִי הֶעלְצֶער, קוּקֶען זִיךְ אָן אֵיינֶער דָעם אַנְדֶערֶען אוּנ רֶעדֶען נִישְׁט אַ וָוארְט, בֶּלְשַׁאצַר בְּרֶעכְט דִי הֶענְד אוּנ צִיטֶערְט פוּן שְׁרֶעק, זַיין ווייבּ, נְבוּשַׁפְּרָא, דִי קֶענִיגִין, לוֹיפְט אַרַיין נִיט טוּידְט, נִיט לֶעבֶּעדִיג אוּנ שְׁפְּרִינְגְט צוּ צוּם קֶענִיג).

**נבושפרא**. וָואס אִיז מִיט דִיר גֶעוָוארֶען, מַיין הֶערְשֶׁער, מַיין לֶעבֶּען, מַיין גְלִיק? זֶעה, דוּ בִּיסְט דָאךְ בְּלֵייךְ וִוי לַיינְוַואנְד, דַיינֶע הֶענְד אוּנ פִּים צִיטְטֶערֶען וִוי אַ בְּלַאטְט פַאר אַ ווִינְד!

**בלשאצר**. (אִין שְׁרֶעק) זֶעהְסְט אָהָא!... (עֶר וַוייזְט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער) דָאס הָאט נָאר וָואס אַשְׁטִיק הַאנְד אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען... קֵייאֵינֶער קֶע-עֶן נִיט לֵייאֵיינֶען... אָט שְׁטֶעהֶען זֵיי וִוי דִי הֶעלְצֶער! (עֶר וַוייזְט אוֹיף דִי גֶעלֶעהְרְטֶע).

**נבושפרא** — אָ, מַיין קֶענִיג, אֵייבִּיג זָאלְסְט דוּ לֶעבֶּען, שְׁרֶעק דִיךְ נִיט, זֵיי נִישְׁט אִין צִיטְטֶערְנִישׁ, אִין דַיין לַאנְד אִיז דָא אַיין גֶעטְטְלִיכֶער מַאנְן, אַ יוּד, דָנִיאֵל, וֶועלְכֶען נָאךְ דַיין זֵיידֶע נְבוּכַדְנֶצַר הָאט פַאר זַיין גְרוֹיס חָכְמָה אוּנ גֶעטְטְלִיכֶען גַייסְט גֶעמַאכְט פַאר'ן נַאטְשַׁאלְנִיק פוּן אַלֶע בַּאבִילָאנִישֶׁע חֲכָמִים, שִׁיק אִיהְם רוּפֶען וֶועט עֶר עֶס אִיבֶּערְלֵיינֶען אוּנ דִיר עֶרְקְלֶעהְרֶען.

**בלשאצר**. (צוּ דִי דִיעֶנֶער) נָא, גִיכֶער דָנִיאֵל'ן! (דִי דִיעֶנֶער לוֹיפֶען אַרוֹיס. בֶּלְשַׁאצַר צוּם וַוייבּ) אָ, דוּ הָאסְט מִיר מַיין רוּהִיגְקֵייט צוּרִיק גֶעגֶעבֶּען, אִין דַיין גֶעגֶענְוַוארְט בִּין אִיךְ ווִידֶער דֶער גְרוֹיסֶער בֶּלְשַׁאצַר (פוֹיזֶע) טְרִינְק, מַיין לֶעבֶּען, אַ בֶּעכֶער וַויין. (עֶר גֶעהְט צוּ צוּם טִישׁ אוּנ גִיסְט אָן צְווֵיי בֶּעכֶער וַויין, אֵיינֶעם זִיךְ, אֵיינֶעם אִיהְר) נַא דִיר, טְרִינְק אוֹיךְ אִין דִי כֵּלִים וָואס מַיין זֵיידֶע נְבוּכַדְנֶצַר הָאט גֶעבְּרַאכְט פוּנ'ם יוּדִישֶׁען בֵּית הַמִקְדָשׁ. עֶס לֶעבֶּע דִי קֶענִיגִין נְבוּשַׁפְּרָא! לְחַיִים, אוֹיף כּוֹרֶשׁ'ס מַפָּלָה! (זֵיי טְרִינְקֶען בֵּיידֶע, דָנִיאֵל קוּמְט אַרַיין).

**בלשאצר**. דוּ דָנִיאֵל פוּנ'ם יוּדִישֶׁען גָלוּת, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אוֹיף דִיר אַז דוּ בִּיזְט אַ גֶעטְטְלִיכֶער מַאנְן, הָאסְט פִיעֶל חָכְמָה אוּנ קֵיין זַאךְ אִיז פוּן דִיר נִישְׁט פֶערְבָּארְגֶען, לֵייעֶן זְשֶׁע מִיר אִיבֶּער אָט דֶעם אוֹיפְשְׁרִיפְט אוּנ עֶרְקְלֶעהְר מִיר אִיהְם, אִיךְ וֶועל דִיךְ דֶערְפַאר אָנְטְהוּן אִין פּוּרְפּוּר, אַ גָאלְדֶענֶע קֵייט אוֹיף דַיין הַאלְז לֶעגֶען אוּנ אַ דְרִיטְטֶעל מְלוּכָה דִיר גֶעבֶּען.

**דניאל**. (גִיט אַקוּק אוֹיף דֶער וַואנְד) הַאלְט פַאר דִיר דַיינֶע מַתָּנוֹת, דִי פְּרֶעזֶענְטֶען שֶׁענְק וֶועמֶען דוּ ווִילְסְט, אִיךְ וָועל דִיר אוּמְזִיסְט אִיבֶּערְלֵיינֶען דֶעם אוֹיפְשְׁרִיפְט אוּנ עֶרְקְלֶעהְרֶען אִיהְם. נָאר הֶער זְשֶׁע צוּ, קֶענִיג, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גָאטְט הָאט אַגְרוֹיסֶע מְלוּכָה אוּנ פִיעֶל כָּבוֹד גֶעגֶעבֶּען דַיין זֵיידֶען נְבוּכַדְנֶצַר'ן, אַז אַלֶע אוּמוֹת הָאבֶּען פַאר אִיהְם גֶעצִיטֶערְט אוּנ עֶר הָאט מִיט זֵיי גֶעמַאכְט דָאס

וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט. נָאר אַז זַיין גַאֲוָה אִיז שׁוֹין צוּ גְרוֹיס גֶעוָוארֶען, אִיז עֶר אַרָאפּ פוּנ׳ם פְּרֶעסְטָאל, פֶּערְטְרִיבֶּען גֶעוָוארֶען פוּן מֶענְשֶׁען, גֶעוָוארֶען אַ חַיָה אוּנ גֶעגֶעסֶען גְרָאז וִוי אַיין אָכְּס, בִּיז עֶר אִיז דֶערְגַאנְגֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאטְט אוֹיף דָער וֶועלְט, וָואס קֶענְן אוֹיךְ מִיט מְלָכִים מַאכֶען וָואס עֶר ווִילְל. דוּ הָאסְט דָאס אַלְלֶעס גֶעווִיסְט אוּנ דַיין גַאֲוָה נִישְׁט אוּוֶעקְגֶעוָוארְפֶען, דוּ הָאסְט נָאךְ אַזאַ הָעֲזָה בֶּעוִויזֶען קֶעגֶען דֶעם גָאטְט פוּן הִימְמֶעל, אַז דוּ, דַיינֶע לַייט אוּנ דַיינֶע הַארֶעם־מוֹידֶען הָאבֶען גֶעטְרִינְקֶען וַויין אִין דִי כֵּלִים פוּן זַיין בֵּית הַמִקְדָשׁ, גֶעלוֹיבְּט דַיינֶע הִילְצֶערְנֶע, שְׁטֵיינֶערְנֶע אוּנ מֶעטַאלֶענֶע גֶעטְטֶער, אוּנ דֶעם אֶמֶת׳ן גָאטְט, וָואס הֶערְשְׁט אִיבֶּער דַיין נְשָׁמָה, הָאסְט דוּ קַיין כָּבוֹד נִישְׁט אָפְּגֶעגֶעבֶּען. דֶערְפַאר הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט אַשְׁטִיק הַאנְד, וָואס הָאט אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען דִי וֶוערְטֶער: „מְנֵא מְנֵא תְּקֵל וּפַרְסִין". אַט וֶועל אִיךְ דִיר עֶרְקְלֶעהְרֶען יֶעדֶעס וָוארט בֶּעזוּנְדֶער: מְנֵא — גֶעצֶעהְלְט, גָאטְט הָאט גֶעצֶעהְלְט דִי טֶעג פוּן דַיין מְלוּכָה אוּנ גֶעמַאכְט אִיהְר אַיין עֶנְדֶע. תְּקֵל — וֶואגֶען: מֶען הָאט דִיךְ, דָאס הֵייסְט דַיינֶע מַעֲשִׂים, גֶעווָאוֶוען אוֹיף שָׁאלֶען, בִּיסְט דוּ אַרוֹיס זֶעהְר גְרִינְג, וּפַרְסִין — צֶעבְּרָאכֶען: דַיין מְלוּכָה אִיז אָבְּגֶעבְּרָאכֶען אוּנ אַוֶועק גֶעגֶעבֶּען צוּ מָדַי וּפָרַס.

**בלשאצר**. דִיֶענֶער, מַיין וואוּנְשׁ זָאל עֶרְפִּיעלְט וֶוערֶען! (דִי דִיֶענֶער לוֹיפֶען צוּ צוּ דָנִיאֵל׳ן, טְהוּעֶן אִיהְם אָן אִין פוּרְפּוּר, אַ גָאלְדֶענֶע קֵייט אוּנ אָבְּזַאוֶוען): מִיט דֶעם וִוילְלֶען פוּנ׳ם קֶענִיג בֵּלְשַׁאצַר וֶוערְט דֶער יוּד, דָנִיאֵל, אַ הֶערְשֶׁער אִיבֶּער אַ דְרִיטְטֶעל מְלוּכָה!

**דניאל**. (אִין דֶער זַייט) אַ דְרִיטְטֶעל מְלוּכָה גִיט עֶר מִיר, אַזוֹי וִוי עֶר אַלֵיין הָאט עֶפֶּעס, נָאךְ אִין אַ פָּאר שָׁעָה וֶועט מֶען בַּיי אִיהְם נִישְׁט נָאר דִי מְלוּכָה, נָאךְ אוֹיךְ זַיין שְׁכּוֹרְן קָאפּ צוּ נֶעמֶען! אָ, בְּלִינְדֶע מֶענְשֶׁען! (עֶר נֵייגְט זִיךְ אוּנ גֶעהְט אַרוֹיס).

**בלשאצר**. „דַיינֶע הִילְצֶערְנֶע, שְׁטֵיינֶערְנֶע אוּנ מֶעטַאלֶענֶע גֶעטְטֶער"! וִוי גֶעפֶעלְט דִיר, נְבוּשַׁפְּרָא, דִי הָעֲזָה פוּן דֶעם יוּדְלְיַאק?

**נבושפרא**. זֶעהְסְט דוּ, אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט, אַז עֶר וֶועט דִיר אַלְלֶעס עֶרְקְלֶעהְרֶען.

**בלשאצר**. יָא, יָא, לַאנְג לֶעבֶּען זָאלְסְט דוּ. אִיצְט בִּין אִיךְ שׁוֹין פָּאלְקָאמֶם רוּהִיג, אִיךְ זֶעה, אַז דָאס אִיז אַ שְׁפִּיצֶעל פוּן זַיין גָאטְט, עֶר אִיז אוֹיף מִיר בֶּעז פַאר זַיינֶע כֵּלִים, אוּנ ווִילְל אוֹיס מִיר מַאכֶען אַ תֵּל, נָאר דֶער יוּדְלְיַאק הָאט נָאר אֵיין גָאטְט, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער אַ סַךְ גֶעטְטֶער, זֵיי וֶועלֶען עֶס נִישְׁט דֶערְלָאזֶען. נְבוּ, בֵּל אוּנ מְרוֹדךְ וֶועלֶען מִיךְ פוּן אַלְלֶע צָרוֹת אָבְּהִיטֶען, פוֹרֶעט וֶועט נָאךְ פַאר מַיינֶע פִּיעֶס לִיֶעגֶען, נִישְׁט קָשֶׁה!... (צוּ זַיינֶע לַייט) זֶעהְט אִיהְר,

דֶער יוּדֶעשֶׁער גָאטְט הָאט מִיךְ גֶעוָואלְט אִיבֶּערְשְׁרֶעקֶען, אִיךְ בִּין אָבֶּער נִיט קַיין שְׁרֶעקֶענְדִיג יוּנְגֶעל, הָא, הָא! מַיינֶע גֶעטְטֶער זֶענֶען אוֹיךְ נִיט פוּן קְלָאטְשֶׁע, לָאמִיר טְרִינְקֶען, קִינְדֶער! (זֵיי גִיסֶען זִיךְ אָן, בֶּלְשַׁאצַר נֶעהְמְט אַ גְרוֹיסֶען בֶּעקֶען, גִיסְט אָן וַויין, גֶעהְט אוּם אוּנ טְרִינְקְט פוּנ׳ם בֶּעקֶען, דִי פִירְסְטֶען זִינְגֶען):

הֶעלְדֶען זֶענֶען דִי כַאלְדֵייֶער
בָּבֶל אִיז נָאךְ שְׁטַארְק זֶעהְר
לְחַיִים, בֶּלְשַׁאצַרְ׳ן דִי מֶמְשָׁלָה,
לְחַיִים, כּוֹרֶשְׁ׳ן דִי מַפָּלָה!

(וֶעטְלִיכֶע מָאל, נָאךְ יֶעדֶען מָאל טְרִינְקְט מֶען).

**בלשאצר.** (טְרִינְקְט אַלְץ פוּנ׳ם בֶּעקֶען, שְׁטֶעהְט קוֹים אוֹיף דִי פִּיס פוּן שִׁכְּרוּת, דִי צוּנְג טְשֶׁעפֶּעט זִיךְ אִיהְם אוֹיף יֶעדֶען וָוארְט) אָ, לָאזֶען נָאר דִי פֶּערְסִיֶער קוּמֶען אַהֶער, אִיךְ וֶועל זֵיי מִיט דִי פִּיֶעס צֶעטְרֶעטֶען (עֶר הֵייבְּט אוֹיף אַ פִּיס, ווִילְל גֶעבֶּען אַ טְרִיט אוֹיפְ׳ן פָּאל, עֶר פַאלְט שִׁיֶער, נָאר דִי דִינֶער חַאפֶּען אִיהְם אוּנְטֶער, פוּן יֶענֶער זַייט פָארְהַאנְג הֶערְט זִיךְ אַ סְווִישְׁטְשֶׁערַיי אוּנ אַ לְיַארְם אַזוֹי ווִי פוּן אַ גְרוֹיסֶען חַיִל, אַ נַאטְשַׁאלְנִיק לוֹיפְט אַרַיין מִיט גְרוֹיס שְׁרֶעק אוּנ זָאגְט דֶעם קֶענִיג) גְרוֹיסֶער קֶענִיג! מִיר זֶענֶען פֶערְלוֹירֶען, דִי פֶּערְסִיֶער הָאבֶּען אָבְּגֶעפִיהְרְט דֶעם טַייךְ פְּרָת אוּנ זֶענֶען אִין שְׁטָאדְט אַרַיין. עֶס גִיסֶען זִיךְ טַייכֶען בְּלוּט.

**בלשאצר.** (אִין שִׁכְּרוּת) גֶעה, דוּ בִּיזְט שִׁכּוֹר. דָא גִיסֶען זִיךְ טַייכֶען וַויין, טְרִינְק אוֹיךְ (דֶער נַאטְשַׁאלְנִיק בְּלַייבְּט שְׁטֶעהְן אִין פֶערְוואוּנְדֶערוּנְג).

**בלשאצר.** (פַאלְט פוּן דִי פִּיס אוּנ זִינְגְט): „הֶעלְדֶען זֶענֶען דִי כַאלְדֵייֶער"... לָאמִיךְ זִיךְ דֶערְמָאנֶען... יָא, יָא: הֶעלְדֶען זֶענֶען דִי כַאלְדֵייֶער...

(דֶער לְיַארֶעם אוּנ דָאס סְווִישְׁטְשֶׁערַיי וֶוערְט שְׁטַארְקֶער, עֶס הֶערְט זִיךְ קְלֶעפּ ווִי מֶען שִׁיסְט, דִי הָאפְלַייטֶע שְׁכּוֹרֶערְהֵייד): אוֹיף דֶער גַאס שְׁפִּיֶעלְט מֶען, מֶען בַּארַאבַּאנֶעט, לָאמִיר גֶעהְן טַאנְצֶען!

לְחַיִים, בֶּלְשַׁאצַרְ׳ן דִי מֶמְשָׁלָה!
לְחַיִים, כּוֹרֶשְׁ׳ן דִי מַפָּלָה! (זֵיי טרינקען)

(אַ טְשַׁאסָאוָואי לוֹיפְט אַרַיין) גְרוֹיסֶער קֶענִיג! דִי פֶּערְסִיֶער הָאבֶּען אַרוּמְגֶערִינְגֶעלְט דֶעם הוֹיף, מִיר זֶענֶען אַלְלֶע פֶערְלוֹירֶען!

**בלשאצר.** וָואס? דִי פֶּערְסִיֶער זֶענֶען אַנְטְלָאפֶען אִין הוֹיף, זֵיי הָאבֶּען עֶפֶּעס פֶערְלוֹירֶען? בְּרַאוָוא! (זִינְגְט)

בָּבֶל אִיז נָאךְ שְׁטַארְק זֶעהְר . . . .

(עֶר פַאלְט אַרוֹיף אוֹיף אַ קֶעבְּסַוויִיב אוּנ קִישְׁט זִי) מָארְגֶען מַאךְ אִיךְ דִיךְ פַאר קֶענִיגֶען אוֹיף נְבוּשַׁפְּרָא׳ס אָרְט, אָ דוּ בִּיסְט דָאךְ מַיין אַכְטַארְטַא! (עֶר קִישְׁט זִי וִויעֶדֶער, פֶּערְסִיעֶר לוֹיפֶען אַרַיין, טֶעדְטֶען בֵּלְשַׁאצַר׳ן אוֹיפְ׳ן אָרְט, טֶעדְטֶען נָאךְ אַנְדֶערֶע, דֶער הוֹיף צִינְדְט זִיךְ אָן).

(פָּארהַאנג פַאלְט).

# דריטער אקט.

(אַ שֶׁאן פְּלַאטְץ מִיט פֶערְפְלַאנְצְטֶע בּוֹימֶער פַאר דֶער שׁוּל, שֶׁאן אוֹיפְגֶערַאמְט. פַּשְׁחוּר קוּמְט אַרַיין)

**פשחור**. זֶעהְט נָאר וָואס פַאר אַיין פַּארַאד זֵיי הָאבֶּען דָא גֶעמַאכְט, עֶס אִיז עֶפֶּעס בַּיי זֵיי גָאר יוֹם־טוֹב. יָא, דֶער יוֹם־טוֹב אִיז אִיצְט בַּיי זֵיי אוֹיף דֶער גַאסְ, זֵיי הָאבֶּען אוּים גֶעפִיהְרְט: זֵיי הָאבֶּען כּוֹרֶשׁ׳ן דֶעם קָאפּ פֶערְדְרֶעהְט אוּנ בַּיי אִיהְם אַרוֹיסְבֶּעקוּמֶען אַ מַאנִיפֶעסְט, אַז זֵיי מֶעגֶען גֶעהֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דָארְט בּוֹיעֶן אַ בֵּית הַמִקְדָשׁ, עֶר הָאט זֵיי נָאךְ אָבְּגֶעגֶעבֶּען אַלֶע כֵּלִים פוּנ׳ם בֵּית הַמִקְדָשׁ, בִּיז פִינְף טוֹיזֶענְד פִיעֶר הוּנְדֶערְט שְׁטִיק, זֵיי וֶועלֶען שׁוֹין אַצוּנְד פֶערְרַייסֶען דִי נאָז, פֶערְאַכְטֶען אַלֶע מֶענְשֶׁען, אוֹיסְבְּרֵייטֶען זֵייעֶר יוּדִישְׁקַייט, זֵייעֶר אַבֶּערְגְלוֹיבֶּען, זִיךְ פֶערְטִיעֶפֶען אִין זִיךְ אַלֵיין, אַז קַיין שֶׁאנֶע מֶענְשְׁלִיכֶע אוֹיפְפִיהְרוּנְג, קַיין קוּנְסְט וֶועט שׁוֹין צוּ זֵיי נִיט צוּ קוּמֶען. יָא, זֵיי זֶענֶען תָּמִיד בַּעֲלֵי גַאֲוָה אוּנ מֶענְשֶׁענְפַיינְד, הַאלְטֶען זִיךְ קְלִיגֶער אוּנ שֶׁאנֶער פוּן אַלֶע פֶעלְקֶער, ווִילְלֶען זִיךְ נִיט פֶערְאֵיינִיגֶען מִיט זֵיי, זִיךְ אוֹיסְמִישֶׁען מִיט זֵיי – זַיין כַּאלְדֵייעֶר פֶּערְסִיעֶר אוּנ מִידִיעֶר, ווִי אַנְדֶערֶע אַיינְגֶענוּמֶענֶע פָאלְקֶער, זֵיי דַארְפֶען זַיין אַ בֶּעזוּנְדֶערֶע נַאצִיאָן – יוּדֶען, זֵיי דַארְפֶען אוּמֶעדוּם בִּילְדֶען אַ גָאסִידַארְסְטְוֶוע אִין אַ גָאסוּדַארְסְטְוֶוע, זַיין אַ בֶּעזוּנְדֶערֶע מְלוּכָה אִין דֶער גְרוֹיסֶער מְלוּכָה, וואוּ זֵיי וָואהְנֶען. זֵיי דַארְפֶען הָאבֶּען אַ רֹאשׁ גָלוּת, אַיין אֵייגֶענֶעם בֵּית דִין, אֵייגֶענֶע שׁוּלֶען, אֵייגֶענֶע מַאֲכָלִים, אָפְּגֶעזָאנְדֶערְטֶע דִינִים, מִיט אֵיינֶעם וָוארְט: אַלֶעס אֵייגֶענֶע, נָאר כְּדֵי צוּ זַיין אָפְּגֶעזָאנְדֶערְט פוּן אַלֶע מֶענְשֶׁען, נָאר צוּם סוֹף אִיז זֵיי דָאס אוֹיךְ קַארְג: זֵיי מוּזֶען הָאבֶּען נָאךְ אַיין אֵייגֶען לַאנְד אוֹיךְ, אַ וַואנְד זָאל זֵיי אָבְּטְהֵיילֶען פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְשֶׁען, זֵיי זָאלֶען אִין גַאנְצֶען פֶערְווִילְדֶעט וֶוערֶען!... נָאר עֶס וֶועט זֵיי דָאס נִישְׁט אַיינְגֶעהְן; מִיר, אִיךְ אוּנ מַיין פַּארְטִיעֶ, וֶועלֶען שְׁרַייבֶּען צוּ דִי דָארְטִיגֶע גוֹיִם, צוּ דִי שׁוֹמְרוֹנִים, אַז אוֹיב דִי יוּדֶען וָועלֶען נִיט

װעלֶען דָארְטֶען זִיךְ פֶערְאֵיינִיגֶען מִיט זֵיי, זָאלֶען זֵיי נִיט לָאזֶען זֵיי זֵייעֶר בֵּית הַמִקְדָשׁ בּויֶען, אוּנ מִיר דָא װֶעלֶען זֵיי, דִי שׁוֹמְרוֹנִים, צוּ הִילְף זַיין אִין דֶעם. אַ חוּץ דֶעם מוּז אִיךְ זֵיי הַיינְט פֶערְשְׁטֶערֶען זֵייעֶר שִׂמְחָה, אִיךְ װֶעל אָבְּגַנְבְעֶנֶען זְרֻבָּבֶל'ס בֶּן יָחִיד'ל, מְשֻׁלָם'ן, זֵיי זָאלֶען נָאךְ זְרֻבָּבֶל'ס טוֹידְט קֵיין פְּרִינְץ נִישְׁט הָאבֶּען, אוּנ, מִי יוֹדֵעַ, אֶפְשַׁר װֶעט שׁוֹין זְרֻבָּבֶל אַלֵיין פַאר צָרוֹת נִישְׁט גֶעהְן קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶר װֶעט בֶּעסֶער װֶעלֶען זוּכֶען זַיין זִיהְנְדֶל, װֶעלֶען זֵיי שׁוֹין אוֹיךְ דָא אַלֶע פֶערְבְּלַייבֶּען.... נָאר, שַׁאט, זֵיי שְׁלֶעפֶּען זִיךְ שׁוֹין אַהֶער, מֶען דַארְף אַװֶעק גֶעהְן אִין אַ זַייט. (עֶר גֶעהְט אַװֶעק אִין אֵיין זַייט, פוּן דֶער אַנְדֶערֶער זַייט קוּמֶען אָן פִיעֶל יוּדֶען, זְרֻבָּבֶל'ן טְרָאגֶען קְנֶעכְט אוֹיף נָאסִילְקֶעס, נָאךְ אִיהְם גֶעהֶען: שִׁמְעִי, יְהוֹשֻׁעַ בֶּן יְהוֹצָדָק, שְׂרָיָה, מָרְדְכַי, יְשַׁעְיָה, אַסַף װַייבֶּער מִיט קִינְדֶער, אֵיינֶע טְרָאגֶען פֶּעק, אַנְדֶערֶע – טְרָאגֶען זֵייעֶרֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶער אוֹיף דִי אַקְסְלֶען, קְרַאנְקֶע לִיגֶען אִין בֶּעטֶען, אוֹיף װֶעלְכֶע מֶע טְרָאגְט זֵיי, זֵיי שְׁטֶעלֶען זִיךְ אָפּ, לֶעגֶען אַװֶעק זֵייעֶרֶע פֶּעק, לָאזֶען אַרָאפּ דִי בֶּעטֶען מִיט דִי קְרַאנְקֶע. זְרֻבָּבֶל גֶעהְט אַרָאפּ פוּן דֶער נָאסִילְקֶע, שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף אַ קַאטְהֶעדְרָא פַאר'ן גַאנְצֶען פָאלְק אוּנ זָאגְט): לִיעבֶּע בְּרִידֶער! מִיר גֶעהְן אַלֶע אִיצְט אִין אַ װַייטֶען װֶעג, אוּנְז טְרַייבְּט אָבֶּער נִישְׁט דִי נוֹיטְה, נָאר אוּנְזֶער פַּאטְרִיאָטִיזְמוּס, אוּנְזֶערֶע טִיעפֶע לִיעבֶּע צוּ אוּנְזֶער פָאלְק אוּנ צוּ אוּנְזֶער הֵיילִיגֶען לַאנְד. אוּנְזֶער פִיעלְגֶענָאדִיגֶער קֶענִיג כּוֹרֶשׁ זָאל לֶעבֶּען טְרַייבְּט אוּנְז חָלִילָה נִישְׁט, נָאר עֶר עֶרְלוֹיבְּט אוּנְז צוּ גֶעהֶען מִיט'ן פְרַייֶען װִילֶען אִינ'ם לַאנְד פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן, װאוּ עֶס הָאבֶּען גֶעלֶעבְּט, גֶעאַרְבַּייט, פַארְגָאסֶען זֵייעֶר בְּלוּט אוּנ גֶעשְׁטָארְבֶּען אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע נְבִיאִים, בֶּערִיהְמְטֶע קֶענִיגֶען אוּנ שְׁטַארְקֶע גִבּוֹרִים, װָאס מִיר הָאבֶּען אַמָאל גֶעהַאט, מִיר גֶעהֶען אַלֵיין, מִיט'ן גוּטֶען װִילֶען, אַ סִימָן הָאט אִיהְר, אַז כִּמְעַט אַלֶע אוּנְזֶערֶע בְּרִידֶער, װָאס הָאבֶּען דָא עֶרְװָארְבֶּען אַ סַךְ עֲשִׁירוּת אָדֶער גוּטֶע שְׁטֶעלֶעס זֶענֶען דָא גֶעבְּלִיעבֶּען, זֵייעֶר גֶעלְד אִיז בַּיי זֵיי טְהַייעֶרֶער פוּן זֵייעֶר כָּבוֹד, פוּן זֵייעֶר מֶענְשְׁלִיכֶען װֶערְטְה, פוּן זֵייעֶר לַאנְד אוּנ פוּן זֵייעֶר פָאלְק'ס גְלִיק. נָאר מִיר דַארְפֶען אוֹיף זֵיי נִישְׁט קוּקֶען, זֵיי װֶעלֶען שְׁפֶּעטֶער עֶרְקֶענֶען זֵייעֶר פֶערְבְּרֶעכֶען בְּשַׁעַת מִיר װֶעלֶען מִיט גָאטְטֶעס הִילְף װֶערֶען פְרַייֶע בִּירְגֶער אוֹיף אוּנְזֶער פְּלַאטְץ, װִי אַ פָאלְק דַארְף לֶעבֶּען, אוּנ זֵיי װֶעלֶען בְּלַייבֶּען קְנֶעכְט בַּיי זֵייעֶרֶע שׂוֹנְאִים, גֵרִים אִין דֶער פְרֶעמְד. אוּנְזֶער װֶעג אִיז װַייט, נָאר גָאטְט אִיז נָאהְנְט צוּ אוּנְז; מִיר זֶענֶען נִישְׁט פִיעל, אִין גַאנְצֶען בְּעֵרֶךְ 42 טוֹיזֶענְד מַאנְן, נָאר גָאטְטֶעס הִילְף אוּנ אוּנְזֶער לִיעבֶּע צוּ אוּנְזֶער לַאנְד װֶעלֶען אוּנְז גֶעבֶּען כֹּחַ אוֹיסְצוּפִיהְרֶען אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע זַאךְ. מִיר מוּזֶען נָאר אֵיין צְװֶעק הָאבֶּען פַאר זִיךְ: בֶּעזֶעצְטֶען אוּנְזֶער װִיסְט לַאנְד אוּנ לֶעבֶּען אוֹיף דֶער עֶרְד פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן. נָאר כְּדֵי צוּ עֶרְרַייכֶען דֶעם צְװֶעק מוּזֶען מִיר הָאבֶּען צְװֵיי זַאכֶען, װָאס פֶעהְלֶען לֵיידֶער דִי

סעמיטען איבּערמל אונ אונז יודען בּעזאנדער, איך מיין: פּאַריאַדאק אונ אחדות. אין דעם היינטיגען דאַרפען מיר זיך לערנען בּיי יפת'ס איינ׳קליך, בּיי די פּערסיער; אַז מיר וועלען דאס האבּען, וועלען מיר אַללעס האבען, די צוויי גוטע מַעלות וועלען אונז גרינג מאַכען אונזער שווערע אויפגאַבּע וואס מיר האבּען פאַר זיך: צו קאלאניזירען אונזער הייליג לאַנד, אונ גאָטט וועט אונז העלפען. בּיים קעניג כורש בּלייבּט אויך אונזער בּרודער, דער עהרענוווירדיגער געטטליבּער מאַנן, דניאל, וועלכען כורש האט פּערהאַלטען בּיי זיך אינ׳ם הויף. ער, דניאל, וועט אונז בּעהילפיג זיין בּיים קעניג, אז מען וועט עפּעס בּעדאַרפען. איצט לאָמיר זיך אבּגעזעגענען מיט אונזער שול, בּעדאַנקען גאָטט פאַר דעם גרויסען חסד, וואס ער האט אונז געטהון, אונז אויס געוויילט פאַר שלוחים צו לעגען דעם פונדאמענט פון זיין פּאַלק׳ס גליק, אונ בּענטשען אונזער קעניג, וואס איהם האבּען מיר צו פערדאַנקען אונזער פרייהייט פון אונזער גלות! (זרבּבל געהט אראפּ, דאס קאָהר שטעלט זיך אויס אונ זינגט):

גלויבּט אין גאָטט אלהי הצבאות
וואס האט אונז פונ׳ם גלות בּעפרייעט,
פון אייביג אַן טהוט ער מיט אונז נפלאות
אונ איז נאהינט צו אונז אין יעדער צייט.

ער מאַכט שפל, ער מאַכט וויעדער גרויס,
ער שלאָגט אונ היילט מיט זיין מילדער האַנד,
נעכטיגע קנעכט פיהרט ער פונ׳ם גלות אַרויס
צו זיין בּעלי-בּתים אויף דעם אייגענעם לאַנד.

(פּשחור אונ נאך מענשען, רייך געקליידעטע אינ׳ם בּאבילאנישען געשמאַק קומען אריין, שטעלען זיך אין א זייט, שאָקלען מיט די קאָפּ מיט פּערראבּטונג. דאס קאהר זינגט ווייטער).

ער זאָל אויך בּענטשען זיין ערוועהלטען משיח,
דעם גרויסען כורש, קעניג פון די פּרסיים,
וועלכען ער האט געוועהלט פאַר א שליח
צו עפענען פאַר זיין פאָלק די שטאָדט ירושלים.

עֶר זָאל זֶעגְנֶען , עֶס זָאל אִיהְם גְלִיקֶען
וואוּ עֶר וֶועט שְׁטֶעהְן אוּנ גֶעהְן ,
עֶר זָאל שְׁטַייגֶען , זַיינֶע פַיינְד בֶּעדְרִיקֶען
אוּנ אויסְפִיהְרֶען וָואס עֶר ווִילְל – וְנֹאמַר אָמֵן !

(דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם שְׁרַייעֶט) אָמֵן ! (פַּשְׁחוּר מִיט זַיינֶע לַייט גֶעהְן צוּ דֶער קַאטְהֶעדְרָא , פַּשְׁחוּר שְׁטֶעלְט זִיךְ אַרוֹיף , זַיינֶע לַייט רִינְגְלֶען אִיהְם אַרוּם , עֶר זָאגְט) : בְּרִידֶער ! אִיךְ מוּז אַייךְ , צוּ מַיין גְרֶעסְטֶען בֶּעדוֹיעֶרְן , זָאגֶען , אַז אִיהְר זֶענְט שְׁטַארְק פֶערְפִיהְרְט , אִיהְר הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט פֶערְדְרֶעהֶען אַייעֶרֶע מוֹחוֹת פוּן דִי הִיטְצְקֶעפּ , דִי פַאנַאטִיקֶער , וָואס הָאבֶּען אַיינְגֶערֶעדְט זִיךְ , אוֹיךְ אַייךְ , גָאטְט וֵוייסְט צוּ וָואס פַאר אַ צְוֶועק , אַז יוּדֶען דַארְפֶען אַיין אֵייגֶען לַאנְד הָאבֶּען · אִיהְר זֶענְט אָרוּם , דָא אִין בָּבֶל זֶענְט אִיהְר שׁוֹין גֶעוָואהְנְט יֶעדֶער מִיט זַיין אַרְבַּייט , דָארְט וֶועט אִיהְר אַלְלֶע מוּזֶען עֶרְד־אַרְבַּייטֶער וֶוערֶען , אִיהְר וֶועט זִיךְ מוּזֶען זוּכֶען נַייעֶע פַּרְנָסוֹת אוּנ וֶועט חָלִילָה אויסְשְׁטַארְבֶּען פוּן הוּנְגֶער · בֶּערֶעכֶענְט זִיךְ נָאר , וָואס פַאר גְלִיקֶען הָאבֶּען גֶעהַאט אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל ? זִיךְ שְׁטֶענְדִיג גֶעקְרִיגְט צְווִישֶׁען זִיךְ , יְהוּדָה מִיט אֶפְרַיִם , אוּנ אֶפְרַיִם מִיט יְהוּדָה , שְׁטֶענְדִיג מִלְחָמוֹת גֶעפִיהְרְט , דָא מִיט דִי פְּלִשְׁתִּים , דָא מִיט דִי סִירִיעֶר , הַיינְט מִיט אַשּׁוּר , מָארְגֶען מִיט מִצְרַיִם , דֶערְנָאךְ מִיט בָּבֶל , אַלְלֶע הָאבֶּען אוּנְזֶער בְּלוּט גֶעגָאסֶען טַייכֶענְוַויִיס , מִיר הָאבֶּען דָארְט אוּנְזֶער תּוֹרָה נִיט גֶעהִיט , גֶעדִינְט אַלְלֶע עֲבוֹדוֹת זָרוֹת אוּנ גֶעלִיטְטֶען צָרוֹת · וָואס פֶעהְלְט אוּנְז אָבֶּער דָא ? אֱמֶת מֶען הָאט אוּנְז דָא פַיינְד , נָאר אִין דֶעם זֶענֶען מִיר אַלֵיין שׁוּלְדִיג , מִיר זֶענֶען פַאנַאטִיש , מִיר וַוייכֶען אוֹיס דִי הִיגֶע פֶעלְקֶער , מִיר עֶסֶען נִיט מִיט זֵיי , מִיר זֶענֶען זִיךְ נִיט מִתְחַתֵּן מִיט זֵיי , מִיר פֶערְאֵיינִיגֶען זִיךְ נִיט מִיט זֵיי ווִי אַנְדֶערֶע אַיינְגֶענוּמֶענֶע פֶעלְקֶער · לָאמִיר זִיךְ פֶערְאֵיינִיגֶען אִין גַאנְצֶען מִיט דִי בַּאבִּילָאנֶער , מִיט דִי פֶּערְסִיעֶר , וֶועלֶען מִיר אָנְשְׁטָאט אַקְלֵיין , שְׁוַואךְ פָאלְק זַיין אַ טְהֵייל פוּן אַ גְרוֹיסֶער אוּנ שְׁטַארְקֶער נַאצִיאָן , וֶועט אוּנְז דֶעמֶעלְט גוּט זַיין , נִיט עֶרְגֶער פוּן זֵיי · אִיהְר הָאט זִיךְ אַיינְגֶערֶעדְט , אַז אִיהְר הָאט אַ לַאנְד , עֶס אִיז אָבֶּער אַ טָעוּת , מֶען הָאט אַייךְ פוּן דָארְטֶען אַרוֹיסְגֶעטְרִיבֶּען אוּנ דָאס לַאנְד אִיז שׁוֹין נִיט אַייעֶרְס ; אַזוֹי ווִי אַ מַאנְן טְרַייבְּט אַרוֹיס זַיין וַוייבּ , דָאס הֵייסְט עֶר גִיט זִי , קֶעהְר עֶר זִיךְ שׁוֹין מִיט אִיהְר נִיט אָן , אַזוֹי קֶעהְרְט אִיהְר זִיךְ נִישְׁט אָן מִיט אַייעֶר לַאנְד · זִיצְט אוֹיף אַיין אָרְט , זַייט מֶענְשֶׁען ווִי אַלְלֶע פֶאלְקֶער וֶועט אַייךְ גוּט זַיין , נָאר לָאזְט אַייךְ נִיט פֶערְפִיהְרֶען פוּן שְׁלֶעכְטֶע מֶענְשֶׁען , אוּנ הֶערְט דִי עֵצָה פוּן אַייעֶרֶען אַיין אֱמֶת׳ן גוּטֶען פְרַיינְד , וָואס זָאגְט אַייךְ נִישְׁט נָאר זַיין מֵיינוּנְג , נָאר אוֹיךְ דִי מֵיינוּנְג פוּן אַלְלֶע

קְלוּגֶע אוּנ גֶעבִּילְדֶעטֶע לַייט, עֶכְטֶע פַּאטְרִיאָטֶען פוּן אוּנְזֶער פָאלְק. (פַּשְׁחוּר גֶעהְט אַרָאפּ, זַיינֶע לַייט שְׁרַייֶען): יָא, יָא, מִיר הַאלְטֶען אוֹיךְ מִיט אִיהְם! (עֶס הֶערְט זִיךְ קוֹלוֹת פוּן דֶעם פָאלְק): אִיהְר זֶענְט פֶערְרֶעטְהֶער, אַייֶער גֶעלְד אִיז בַּיי אַייךְ טְהַייֶערֶער פוּן אַלְץ! (אַנְדֶערֶע שְׁרַייֶען): אִיהְר ווִילְט מִיר זָאלֶען בְּלַייבֶּען דָא כְּדֵי דָאס פֶעבֶּעל זָאל אוֹיסְגִיסֶען אוֹיף אוּנְז דִי קִנְאָה אוּנ שִׂנְאָה וָואס עֶס פִיעהְלְט צוּ אַייךְ! (דְרִיטֶע זָאגֶען): אִיהְר הָאט נִישְׁט קֵיין פוּנְק פוּן יוּדֶען אִין אַייֶער הָאַרְץ, גֶעהְט פוּן דַאנִין! (יְשַׁעְיָה גֶעהְט צוּ צוּ דֶער קַאטְהֶעדְרָא, פַּשְׁחוּר זָאגְט צוּ זַיינֶע לַייט): קוּמְט, בְּרִידֶער, לָאמִיר גֶעהֶען, מִיר רֶעדֶען שׁוֹין מִיט דִי טִפְּשִׁים חֲדָשִׁים לַאנְג אוּנ אוּנְזֶער מִיהֶע אִיז אוּמְזִיסְט, לָאזֶען זֵיי גֶעהֶען, זֵיי װֶעלֶען אַ מָאהְל חֲרָטָה הָאבֶּען, עֶס װֶעט שׁוֹין אָבֶּער צוּשְׁפֶּעט זַיין! (פַּשְׁחוּר מִיט זַיינֶע לַייט גֶעהֶען אַרוֹיס, יְשַׁעְיָה שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף דֶער קַאטְהֶעדְרָא אוּנ זָאגְט):

הַיינְטִיגֶער טָאג אִיז דֶער לֶעצְטֶער פוּן אוּנְזֶערֶע גָלוּת טֶעג אוּנ דֶער עֶרְשְׁטֶער פוּן דִי אוּנְעֶנְדְלִיכֶע טֶעג, אִין װֶעלְכֶע מִיר װֶעלֶען מִיט גָאטְטֶעס הִילְף זַיין בַּעֲלֵי בָּתִּים בַּיי זִיךְ אִין דֶער הֵיים, אִין אוּנְזֶער לַאנְד, אִין שָׁלוֹם אוּנ אִין אַחְדוּת, ווִי דֶער נָבִיא יְחֶזְקֵאל הָאט אוּנְז צוּ גֶעזָאגְט. „וְלֹא יֵחָצוּ עוֹד לִשְׁתֵּי מַמְלָכוֹת‟, מִיר װֶעלֶען שׁוֹין מֶעהְר נִישְׁט גֶעטְהֵיילְט זַיין אִין צְװֵיי מְלוּכוֹת — יְהוּדָה אוּנ אֶפְרָיִם, נָאר אֵיין גְרוֹיס אוּנ שְׁטַארְק פָאלְק. אוֹיף דֶעם טָאג הָאפְּפֶען מִיר שׁוֹין לַאנְג, אוּנ אַדַאנְק צוּ גָאטְט וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען. הַיינְט װֶערְט מְקוּיָם דִי נְבוּאָה פוּן אוּנְזֶער נָבִיא יִרְמְיָהוּ: „אִיךְ װֶעל זֵיי, דָאס בִּיסֶעל יוּדֶען, בְּרֶענְגֶען פוּן צָפוֹן לַאנְד, פֶערְזַאמְלֶען זֵיי פוּן עֶק װֶעלְט, צְווִישֶׁען זֵיי װֶעלֶען זַיין בְּלִינְדֶע אוּנ הִינְקֶענְדִיגֶע, שְׁוַואנְגֶערֶע אוּנ קִימְפֶּעטָארֶענְס צוּזַאמֶען, אִין אַ גְרוֹיסֶער פֶערְזַאמְלוּנְג װֶעלֶען זֵיי צוּרִיקְקוּמֶען אַהֶער, מִיט אַ גֶעווֵיין װֶעלֶען זֵיי קוּמֶען, מִיט גֶעבֶּעט װֶעל אִיךְ זֵיי פִירְהֶען, בַּיי טַייכֶען וַואסֶער, אִין אַ גְלִיקְלִיכֶען װֶעג, וואוּ זֵיי װֶעלֶען נִיט פַאלֶען, וָוארוּם אִיךְ בִּין דִי יוּדְען אַ טַאטֶע גֶעוָוארֶען, אֶפְרַיִם אִיז מַיין בְּכוֹר!‟ אַזַא טָאג הָאבֶּען מִיר עֶרְשְׁט דֶעם צְוֵויטֶען אִין אוּנְזֶער הִיסְטָארִיֶע, דֶער עֶרְשְׁטֶער אִיז גֶעוָועזֶען בְּשַׁעַת משֶׁה הָאט אוּנְז פוּן מִצְרַיִם אַרוֹיסְגֶעפִיהְרְט, דֶער אַנְדֶערֶער — אִיז הַיינְט. נָאר הַיינְטִיגֶער טָאג אִיז נָאךְ װִיכְטִיגֶער פוּנ׳ם עֶרְשְׁטֶען, דֶעמֶעלְט הָאבֶּען מִיר נָאר אַטַאטֶען גֶעהַאט, אָבֶּער נִיט קֵיין מַאמֶען, קֵיין לַאנְד נָאךְ נִיט, מִיר הָאבֶּען גֶעמוּזְט גֶעהְן אִין דֶער מִדְבָּר, הַיינְט גֶעהֶען מִיר גְלַייךְ אַהֵיים! יָא, אַהֵיים! אָ, וָואס פַאר אַ זִיס וָוארְט דָאס אִיז! ווִי גְלִיקְלִיךְ אִיז דֶער, װֶעלְכֶער הָאט אַיין אֵייגֶענֶע הֵיים! דָאס קָאנֶען פִיעהְלֶען נָאר אַזֶעלְכֶע פֶערְוָוארְפֶענֶע, פֶערְטְרִיבֶּענֶע, אוּמֶעדוּם אִיבְּרִיגֶע, ווִי מִיר זֶענֶען בִּיז אִיצְט גֶעוָועזֶען. מִיר הָאבֶּען נִישְׁט גֶעהַאט וואוּ דֶעם קָאפּ צוּ לֶעגֶען, אַ לֵיאדֶע טוֹיגֶענִיכְטְס הָאט אוּנְז גֶעטְרִיבֶּען, דָא הָאבֶּען מִיר עֶמִיצֶען אוֹיף דֶעם פוּס אַרוֹיפְגֶעטְרֶעטֶען, דָארְט — הָאבֶּען מִיר אַיין אַנְדֶערֶען

עֶנְג גֶעמַאכְט ; דָא - הָאבֶּען מִיר דֶעם עֹגְמַת נֶפֶשׁ גֶעמַאכְט מִיט דֶעם וָואס מִיר
הָאבֶּען אוֹיךְ גֶעוָואלְט הָאבֶּען אַ שְׁטִיקֶעל בְּרוֹיט , דָארְט - הָאט יֶענֶעם גֶעקְרֶענְקְט
צוּזֶעהְן , אַז מִיר הָאבֶּען אוֹיךְ אַ פָּנִים וִוי מֶענְשֶׁען נִיט עֶרְגֶער וִוי עֶר . מִיר
זֶענֶען אוּמֶעדוּם אִיבְּרִיג גֶעוֶועזֶען , יֶעדֶער הָאט גֶעוָואלְט , אַז מִיר זָאלֶען זַיין דָארְט ,
וואוּ עֶר אִיז נִישְׁט דָא . אִיצְט הָאט שׁוֹין דָאס אַלְלֶעס אַיין עֶנְדֶע גֶענוּמֶען , מֶען
הָאט אוּנְז גֶעעֶפֶענְט אַ טְהִיר אִין מַעֲרָב זַייט , אוּנ אוּנְזֶערֶע אֶמֶת'ע הֵיים אִיז
פְרַייא פַאר אוּנְז . מִיר וֶועלֶען שׁוֹין אִיצְט נִיט זַיין אַזוֹי וִוי קִינְדֶער , וָואס זוֹיגֶען
בַּיי אַ גֶעדוּנְגֶענֶער אַמְם , וֶועלְכֶע הָאט אִיהְר אֵייגֶען זוֹיגֶענְדִיג קִינְד אוּנ פֶערְגִינְט
נִיט דֶעם פְרֶעמְדֶען קִינְד דָאס בִּיסֶעל מִילְךְ , מִיט וֶועלְכֶען עֶס עֶרְהַאלְט זַיין
שְׁוַואכֶעס לֶעבֶּען , - נֵיין , מִיר גֶעהֶען יֶעצְט צוּ אוּנְזֶערֶער אֵייגֶענֶער מַאמֶען , וָואס
וֶועט אוּנְז מִיט פֶערְגְנִיגֶען גֶעבֶּען אַלְלֶע אִיהְרֶע כֹּחוֹת , וָואס זִי הָאט . שְׂאִי סָבִיב
עֵינַיִךְ וּרְאִי , כֻּלָּם נִקְבְּצוּ בָאוּ לָךְ , - הֵייבּ אוֹיף , צִיּוֹן , דַיינֶע אוֹיגֶען , קוּק זִיךְ אוּם
אַרוּם , זֶעה וִוי דַיינֶע קִינְדֶערְלִיךְ קוּמֶען צוּ דִיר פוּן דֶער וַוייט , פְלִיעֶהֶען צוּ דִיר
וִוי פֵייגֶעלֶעךְ אִין זֵייעֶרֶע נֶעסְטֶען , דֶען בָּבֶל קֶען אוּנְז נִישְׁט , מָדַי - וֵוייסְט אוּנְז
נִישְׁט , קֵיינֶער ווִיל אוּנְז נִיט ווִיסֶען , נָאר דוּ , צִיּוֹן , בִּיזְט אוּנְזֶער מוּטֶער , אוּנְטֶער
דַיין הִימְמֶעל וֶועלֶען מִיר זַיין זִיכֶער , בַּיי זִיךְ אִין דֶער הֵיים . קוּקְט אוֹיךְ , אִיהְר
טְרַייֶע קִינְדֶער , וִוי אַייעֶר אֵיידֶעלֶע מַאמֶע שְׁטֶעהְט פֶערְוִויסְט , מִיט אַ פֶערְוֵויינְט
פָּנִים , וַוארְט אִיהְר זָאלְט קוּמֶען זִי מַצִּיל זַיין פוּן פְרֶעמְדֶע פִּיאַווְקֶעס , וָואס דִי
מַלְכֵי אַשּׁוּר הָאבֶּען אוֹיף אִיהְר אָנְגֶעזֶעצְט , אוּנ זוֹיגֶען אִיהְר בְּלוּט אוֹיס . גֶעהְט
מִיט מוּטְה אוּנ דְרַייסְטִיגְקֵייט צוּ אַייעֶר צְוֶועק , פַאלְט נִיט בַּיי אַייךְ פוּן דִי רֶעד
פוּן אוּנְזֶערֶע אַסְסִימִילַאטָארֶעס , וִוי פַשְׁחוּר מִיט זַיינֶע לַייט , דִי שׂוֹנְאִים פוּן צִיּוֹן ,
וָואס ווִילְלֶען פֶערְבְּלַייבֶּען צְווִישֶׁען פְרֶעמְדֶע אוּמוֹת , כְּדֵי זֵיי נָאךְ צוּ קְרִימֶען אַלְלֶע
זֵייעֶרֶע גֶעוֶענְג אוּנ אוֹיפְפִיהְרוּנְגֶען וִוי דִי אַפֶּען . הַנֶּחָמִים בָּאֵלִים תַּחַת כָּל עֵץ רַעֲנָן ,
אָט דִי שֶׁאגֶע לַייט וָואס זֶענֶען אַזוֹי צֶעהִיצְט צוּ דִי אָבְגֶעטְטֶער אוּנְטֶער גְרִינֶע
בּוֹימֶער , זֵיי מַאכֶען זִיךְ חֲבֵרוּת'עֶם מִיט פְרֶעמְדֶע פָאלְקֶער , טְהוּעֶן זֵיי נָאךְ אַלְלֶעס ,
זוּכֶען מִיט זֵיי צוּ מַאכֶען בְּרִידֶערְשַׁאפְט אוּנ פַאר זֵייעֶר אָרֶם פָאלְק אַארְט זֵיי נִישְׁט ,
תַּיִת יַחַד מְצָאתְ עַל כֵּן לֹא חָלִית , זֵיי הָאבֶּען זֶעהְר שֶׁאגֶע פַּרְנָסָה , דֶערְפַאר
קְרֶענְקְט זֵיי נִישְׁט קֵיין אַנְדֶערְנְס צָרוֹת . פַּשְׁחוּר שְׁרֶעקְט אַייךְ מִיט מִלְחָמוֹת ,
נָאר - קָארְג בְּלוּט אוּנְזֶערְס אִיז פֶערְגָאסֶען גֶעוָוארֶען אִין פְ רֶ ע מְ דֶ ע מִלְחָמוֹת ?
קָארְג סָאלְדַאטֶען הָאבֶּען מִיר אַוֶועק גֶעלֶעגְט דָ א אִין דֶער מִלְחָמָה פוּן בָּבֶל מִיט
פָּרַס ? קָארְג הוּנְגֶער הָאבֶּען מִיר גֶעלִיטֶען בְּשַׁעַת בָּבֶל אִיז בֶּעלַאגֶערְט גֶעוֶועזֶען ?
נָאר אִיךְ זָאג אַייךְ : נִשְׁבַּע ד' בִּימִינוֹ וּבִזְרוֹעַ עֻזּוֹ , - גָאטְט הָאט גֶעשְׁווָאוִירֶען בַּיי זַיין
כֹּחַ אַז עֶר וֶועט שׁוֹין מֶעהְר נִישְׁט גֶעבֶּען אוּנְזֶער בְּרוֹיט פַאר אוּנְזֶערֶע שׂוֹנְאִים צוּ
עֶסֶען , אוּנ פְרֶעמְדֶע וֶועלֶען שׁוֹין מֶעהְר נִישְׁט טְרִינְקֶען דֶעם וַויין , אִיךְ וֶועלְכֶען

מיר האָבען געהאַרעוועט, נאָר איהר אַליין וועט זיי געניסען אין די היילינע הויפען. זיי זאָגען אַז מיר קעהרען זיך שוין מעהר ניט אָן מיט אונזער לאַנד ווי אַ נעגעטע פרוי מיט איהר געוועזענעם מאַנן, אָבער גאָט פרעגט: איזה ספר כריתות אמכם? וואו איז דער גט פון אייער מוטער? זענט איהר דען ניט גאָטס פאָלק ווי פריהער? ניין, קוקט ניט אויף די אַססימילאַטאָרעס, זיי בע־ווייזען אונז נאָר, אַז דער באָזער גייסט פון זייער רבי, ירבעם בן נבט, איז נאָך ביי אונז זעהר שטאַרק, אונ אַזוי ווי ער, ירבעם, האָט אונזער תורה אונ עבטען יודישען כאַראַקטער אַ קרבן געבראַכט פאַר די מנהגים פון די מצרים וועלכע ער האָט זעהר ליעב געהאַט, אַזוי זענען אויך אונזערע וואוילע יונגען: ביי זיי איז שאָן נאָר דאָס, וואָס ביי אַנדערע פעלקער איז איינגעפיהרט, זיי האָבען ליעב נאָר פרעמדס אונ פעראַכטען דאָס זייעריגעס, דערפאַר ווילען זיי בלייבען צווישען די אומות, נאָר דער גאָט פון ישראל וועט זיך אָפּרעכנען מיט די, וועלכע פערלאַזען איהם, וואָס פערגעסען זיין היילינען באַרג, וואָס מאַכען באַלער פאַר דער עבודה־זרה גד, — גליק, וואָס זיי דיענען מיט אַלע כחות. — מיר אָבער וועלען מאַכען פאָרטשריטט! קוקט ניט וואָס אונזער צאָהל איז קליין, הביטו אל אברהם אביכם, אברהם אבינו איז געוועזען איינער, אונ אַז גאָט האָט געוואָלט זענען זיינע קינדער גאַנצע מיליאָנען. מיר זענען וועניג אָבער אונזער גייסט איז שטאַרק, מיר וועלען נאָך זיין לאור גוים — אַ ליכט פאַר אַלע אומות, מיר וועלען זיי ווייזען דעם אמת'ן וועג, ווי איינצופיהרען שלום אויף דער וועלט, אויס צו פילען די רעד פון אונזערע היילינע נביאים: לא ישא גוי אל גוי חרב, קיין פאָלק זאָל שוין מעהר קיין מלחמות ניט פיהרען איינס מיט דעם אַנדערען, „כי מציון תצא תורה ודבר ד' מירושלים“. פון ציון וועט אַרויס אַ לעהרע פאַר דער וועלט, גאָטטעס וואָרט — פון ירושלים! לעבעדיג, ברידער! געהט מיט מוטה אונ כח, דען אונזער אויפגאַבע איז זעהר גרויס, אונ וואויל איז אונז, וואָס מיר לעגען דעם פונדאַמענט צו דעם גרויסען, אונ־געהייערען בנין, וואָס די גאַנצע וועלט וועט שפּעטער בעוואונדערען! דאָס זייען קומט אָן שווער, דערפאַר איז אָבער דאָס שניידען זעהר אַנגענעהם! —

(ישעיה געהט אַראָפּ, דאָס קאָהר שטעלט זיך מיט דעם פנים צו דער שול אונ הייבט אָן זינגען, דאָס פאָלק פאַלט אויף די קניע אויך מיט'ן פנים צו דער שול, פשחור קומט שטילערהייט אַריין פון דער זייט, וואָס קענען דער שול אונ שטעלט זיך נעבען אַ קליין קינד, מע הערט זינגען):

שיר המעלות בשוב ד' את שיבת ציון היינו כחולמים, אז ימלא שחוק פינו ולשוננו רנה, אז יאמרו בגוים הגדיל ד' לעשות עם אלה. (פשחור גיט

דעם קינד איין עפּפּעל מיט מאנדלען, פֿרעגט איהם): ווילסט נאך, מיין ליעב קינד?

(דאס קאהר זינגט): הגדיל ד׳ לעשות עמנו היינו שמחים...

**דאס קינד:** יא, פֿעטער, איך האב ליעב עפּפּעל. (פֿשחור וויל איהם גיבען נאך איין עפּפּעל, נאר ער ווארפֿט דעם עפּפּעל אראפּ, דער עפּפּעל קאטשעט זיך, ער מיט׳ן קינד געהען איהם נאך, פֿשחור מאכט שטילע טריט, קומענדיג צום עפּפּעל גיט ער איהם א שטויס מיט׳ן פֿיס, געהען אזוי ווייטער ביז דער עפּפּעל קאטשעט זיך ארויס אויף יענער זייט סצענע, ער מיט׳ן קינד געהען אויך ארויס, קיינער בעמערקט ניט די גאנצע זאך, דאס קאהר טהוט זיינס און זינגט):

שובה ד׳ את שביתנו כאפיקים בנגב, הזורעים בדמעה ברנה יקצורו, הלוך ילך ובכה נושא משך הזרע בא יבא ברנה נושא אלמתיו (דער עולם הייבט זיך אויף און בלייבט שטעהן).

(שריה און יהושע בן יהוצדק געהען ארויף אויף דער קאטהעדרא, פֿערשפּרייטען די הענד ווי כהנים און זינגען).

1.

יברכך ד׳ וישמרך —
גאטט זאל אייך בענשען און היטען!
ער זאל שיצען זרבבל׳ן דעם פּחה,
זיינע שונאים׳ס מיילער מיט ערד פֿערשיטען.

2.

פֿיהר גאטט דיין פֿאלק אליין,
דיין פּנים זאל בעלייכטען זייער וועג,
מהו ניט אפּ פֿון זיי דיין חן
ביז זיי וועלען קומען צו זייער ברעג.

3.

מלאכים זאלסט דו זיי שטעלען
זיי צו היטען אויף אללע וועגען;
ביי יעדער זאך, וואס זיי וועלען וועללען,
זאל זיי דיין ברכה געהן אקעגען.

4.

דֶער וֶועג זָאל זַיי קֵיין שָׁאדֶען מַאבֶען,
קְרַאנְקֶע זָאלֶען אַרוֹיס פוּן דִי בֶּעטֶען;
יִשְׂרָאֵל זָאל אוֹיס זַיינֶע שׂוֹנְאִים לַאכֶען
אוּנ אוֹיף שְׁלַאנְגֶען זָאל עֶר טְרֶעטֶען.

5.

גָאטְט וֶועט: אוֹיפְהֵייבֶען זַיין פָּנִים צוּ אַייךְ —
וֶועט אַייךְ גֶעבֶען שָׁלוֹם כֵּפֶל־כִּפְלַיִם!
הֵייבְּט דִי פִּים אָרֶעם אוּנ רַייךְ
אוּנ גֶעהְט גֶעזוּנְד קֵיין יְרוּשָׁלַיִם!

6.

הֵייבְּט דִי פִּים מִיט מוּטְה אוּנ בִּטָחוֹן
אוֹיף אוּנְזֶער גָאטְט דֶעם בּוֹרֵא שָׁמַיִם;
אוֹיס גָלוּת! דִי קֵייטֶען צֶעבְּרַאכֶען!
גֶעהְט זְשֶׁע גֶעזוּנְד קֵיין יְרוּשָׁלַיִם!

(זַיי גֶעהֶען אַרָאפּ).

(מֶע הֵייבְּט אָן טְרוּבֶען, דִי לְוִיִּים שְׁפִּילֶען, דָאס פָאלְק נֶעמְט זִיךְ צוּם גֶעהְן, זְרֻבָּבֶל זֶעצְט זִיךְ אוֹיף דֶער נָאסִילְקַא, זַיינֶע קְנֶעכְט הֵייבֶען זִי אוֹיף, דִי קְרוֹבִים פוּן קְרַאנְקֶע נֶעמֶען דִי בֶּעטֶען, אַנְדֶערֶע נֶעמֶען זַייעֶרֶע פֶּעק אוֹיף דִי פְּלֵייצֶעס, מֶע גֶעהְט לַאנְגְזַאם אַרוֹיס, דִי סְצֶענֶע בְּלַייבְּט לֵיידִיג אַ פָּאר מִינוּט).

**שִׁמְעִי.** (לוֹיפְט אַרַיין צוּרִיק מִיט שְׁרֶעק אוּנ שְׁרַייֶעט) מַלְכִּירָם! מַלְכִּירָם! וואוּ בִּיְזט דוּ, מַיין לִיעֶבֶּעס קִינְד? (עֶר לוֹיפְט אַרוּם אוֹיף דֶער סְצֶענֶע, קוּקְט אִין אַלֶע ווִינְקֶעלֶעךְ, בַּיי דֶער שׁוּל, אוֹיף דֶעם גַאנְצֶען פְּלַאץ) וואוּ בִּיסְט דוּ, מַיין אֵיין־אֵיינְצִיג קִינְד?! (עֶר לוֹיפְט אַרַיין אִין שׁוּל, עֶר גֶעהְט אַרוֹיס מִיט אַ גֶעוֵויין) מַיין קִינְד אִיז פֶערְפַאלֶען! מַיין קִינְד, מַיין קִינְד! דַיין מוּטְטֶער אִיז בַּיי מִיר גֶעשְׁטָארְבֶּען יוּנְגֶערְהֵייט, נָאר דוּ בִּיסְט גֶעבְּלִיבֶּען מַיין אֵיינְצִיגֶע נֶחָמָה נָאךְ אִיהְר, הַיינְט הָאבּ אִיךְ דִיךְ אוֹיךְ פֶערְלָארֶען! (עֶר וֵויינְט) דוּ בְּלָאנְדְזֶעסְט אַצוּנְד עֶרְגִיץ וִוי אַ פֶערְלוֹירֶען שָׁאפֶּעלֶע, גָאטְט וֵוייסְט צוּ וֶועמֶען אִין דִי הֶענְד דוּ וֶועסְט אַרַיין פַאלֶען, צִי צוּ חַיּוֹת־רָעוֹת, וֶועלְכֶע וֶועלֶען דִיךְ צֶערַייסֶען, אָדֶער גָאר צוּ דִי

באבילאָנער, וועלכע וועלען דיך אַלס כאַלדייער ערציהען, (ער וויינט) דו וועסט ניט וויסען אַז דו ביסט אַ יוד. ווען מען וועט דיינע ברידער אין בבל בעפּאַלען וועסט דו אָדער דיינע קינדער אויך העלפען שלאָגען יודען! אוי, מיין קינד וועט מיינע ברידער שלאָגען!... (ער רייסט אויף זיך די האָאר) מיין קינד, מיין קינד! ווי וועל איך לעבען אָהן דיר!? וועט מיר דען מיין עסען אונ מיין שלאָפען איינגעהן, אַז איך וועל דיך ביי זיך ניט האָבען? ניין, איך קען שוין אין ארץ ישראל ניט געהן! וואס טויג מיר פערפּינסטערען מיינע ברידער זייער שמחה? איך וועל בעסער דאָ בלייבען, איך וועל זוכען מיין קינד אין פעלדער אונ וועלדער, ביי באַבילאָנער אונ פערסיער, טאָמער וועל איך עס געפינען. יאָ, איך מוז לויפען זוכען, אפשר וועט מיך נאך גאָטט ערפרייען אונ מיין שאדען אומקערען! די צייט איז מהייער, נאך דעם וועט שוין שפעט זיין. (פויזע) אוי! אָן לויפט אַ וואָלף!... אַוודאַי יאָגט ער זיך נאך מיין קינד!.. איך מוז גיך לויפען! (ער לויפט אַרויס).

(פאָרהאַנג פאַלט).

---

# פיערטער אקט.

(זרבבל'ס צימער שאָן איינגעאָרדענט, זיין טאָכטער שלומית זיצט איינע אַליין אונ רעדט צו זיך).

**שלומית**: וואס קען דאס זיין וואס שראצר קומט ניט? שוין דריי חדשים ווי ער איז ניט געוועזען אונ צום סוף, אַז ער איז שוין דאָ, ווייזט ער זיך גאָר ניט? אך! ווי לאַנג איז מיר די מינוט צו וואַרטען אויף איהם! ווען די דריי חדשים, וואס ער איז ניט געוועזען, זענען מיר געוועזען ווי דריי יאָהר לאַנג, — זענען מיר די איצטיגע מינוטען ווי חדשים. מיר געהט פּשוט מיין נשמה אַרויס, איך וואָלט איהם שוין געוואָלט זעהן. וואס מעהר איך זעה איהם, ווייזט ער מיר זיך אַלץ ערהאבענער, וואס מעהר איך רעד מיט איהם, זעה איך אַלץ מעהר אַרויס זיין גוט הארץ, זיין פערשטאַנד, זיינע אונשאצבארע מעלות. עפּעס איז זיין פנים איין עכט יודיש פּנים, ווי ביי איין אמת'ן יודען, פון אברהם, יצחק ויעקב'ס קינדער, גאר ניט ענליך אויף דעם פּנים פון זיינע ברידער, די גרים פון שומרון, זיין בענעהמען איז אַזוי עדעל, פּינקט ווי ער וואָלט געוועזען אַ פּרינץ פון מלכות בית דוד... אָ, איך הער טריט, מיין הארץ הייבט ביי מיר אָן קלאַפּען, אַוודאַי געהט ער (הייבט זיך אויף אונ וויל איהם געהן אקעגען, שראצר קומט אַריין).

**שראצר**. גָאטְט זָאל דִיךְ בֶּענְשֶׁען, מַיין טְהַייעֶרֶע שְׁלוֹמִית! אָט גֶעה אִיךְ וִויעֶדער מִיט אַ קַאראַוַאן נָאךְ מִצְרַיִם צוּ פִיהְרֶען אַהִין פְרוּכְטֶען פוּן שוֹמְרוֹן אוּנ פוּן דִי אוּמְגֶעגֶענְדֶען. נָא, מַיין לִיעֶבֶּע, אָט דָאס הָאבּ אִיךְ דִיר גֶעבְּרַאכְט וָוער דֶערְלַאנְגְט אִיהְר אַגְרוֹיסֶען הֶענְגֶעל וַוייְנְטְרוֹיבֶּען, טַייטְלֶען, אַפֶּעלְסִינֶעס, זִי נֶעמְט צוּ מִיט הֵין אוּנ לֶעגְט אַוֶועק, עֶר זָאגְט וַוייטֶער) הַגַם דוּ הָאסְט דָאס אַלְלֶעס דָא, נָאר אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט מִיךְ וַוייזֶען פַאר דִיר אָהְן אַ מַתָּנָה, דֶערְפַאר, אַז אִיךְ וֶועל קוּמֶען בְּשָׁלוֹם צוּרִיק פוּן מִצְרַיִם, וֶועל אִיךְ דִיר בְּרֶענְגֶען פוּן דָארְטֶען אַזֶעלְכֶע טְהַייעֶרֶע קְלֵיידֶער, וָואס פַּאסְסֶען טַאקֶע פַאר אַ פְּרִינְצֶעסִין.

**שלומית**. נִיט בֶּעאוּנְרוּהִיג זִיךְ, נִישְׁט דִי מַתָּנָה אִיז דֶער עִיקָר, נָאר דָאס גוּטֶע הַארְץ; זָאג נָאר, מַיין טְהַייעֶרֶער, הָאסְט דוּ זִיךְ שׁוֹין גֶעזֶעהֶען מִיט מַיין פָאטֶער?

**שראצר**. נָאךְ נִיט, אוּנ אִיךְ ווייס נִיט אוֹיבּ אִיךְ וֶועל אִיהְם אִיצְט זֶעהֶען: אוּנְזֶער קַארַאוַואן רַייזְט גִיךְ אָפּ, אִיךְ הָאבּ נָאךְ דָא אֵיינִיגֶע זַאכֶען אוֹיסְצוּפִיהְרֶען, אָגַבּ ווִילְל אִיךְ נָאךְ גֶעהְן זֶעהֶען ווִי מֶען בּוֹיעֶט דָאס בֵּית־הַמִקְדָשׁ, אוּנ דִי עֶטְלִיכֶע מִינוּט, וָואס אִיךְ זִיץ דָא אִין שְׁטוּבּ זֶענֶען מִיר אַנְגֶענֶעהְם מִיט דִיר צוּ פֶערְ־בְּרֶענְגֶען, נָאר אַז אִיךְ וָועל מִיט גָאטְטֶעס הִילְף קוּמֶען צוּרִיק פוּן מִצְרַיִם אוּנ וֶועל זִיךְ דָא פָערְזַאמֶען אַ גַאנְצֶען חוֹדֶשׁ וֶועל אִיךְ שׁוֹין צַייט הָאבֶּען צוּ רֶעדֶען מִיט דַיין פָאטֶער זֶעהְר פִיעֶל...

**שלומית**. וָואס מֵיינְסְט דוּ מִיט דֶעם?

**שראצר**. אִיךְ מֵיין ... (פוֹיזֶע) דָאס הֵייסְט.. (טְרַאכְט) אִיךְ זָאל מִיט אִיהְם רֶעדֶען וֶועגֶען אוּנְזֶער הָאפְפְנוּנְג, וֶועגֶען אוּנְזֶער צוּקוּנְפְט. אִיךְ מוּז דִיר זָאגֶען, אַז חָאטְשׁ פוּן מַיין זַייט אִיז מַיין הָאפְפְנוּנְג פֶעסְט, וָוארוּם בַּיי אַייךְ – אַייךְ צוּם כָּבוֹד גֶעזָאגְט – אִיז נִישְׁט דָא קֵיין פֶערְשִׁיעֶדֶענֶע קְלַאסְסֶען מֶענְשֶׁען, קֵיין יִחוּס, אַלְלֶע יוּדֶען זֶענֶען גְלַייךְ: דֶער פְּרִינְץ מִיטְ'ן פְּרָאסְטֶען עֶרְד־אַרְבַּייטֶער, נָאר, פוּן דֶער אַנְדֶערֶער זַייט, הָאבּ אִיךְ שְׁטַארְק מוֹרָא..

**שלומית**. (מִיט אוּנְרוּהִיגְקֵייט) פַאר וָואס, אָדֶער פַאר וֶועמֶען הָאסְט דוּ מוֹרָא?

**שראצר**. עֶפֶּעס אִיז דַיין פָאטֶער בֵּאֶז אוֹיף מַיינֶע בְּרִידֶער, אוֹיף דִי שׁוֹמְרוֹנִים. אַ סִימָן הָאסְט דוּ, אַז בְּשַׁעַת מִיר הָאבֶּען גֶעוָואלְט צוּזַאמֶען מִיט אַייךְ בּוֹיעֶן דָאס בֵּית־הַמִקְדָשׁ, הָאט אוּנְז דַיין פָאטֶער אָבְּגֶעזָאגְט ווִי מִיט זוּדִיגֶע וַואסֶער, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: „אִיהְר שׁוֹמְרוֹנִים קֶעהְרְט זִיךְ מִיט אוּנְז גָאר נִישְׁט אָן, פַאר אוּנְזֶער גָאטְט וֶועלֶען מִיר אַלֵיין בּוֹיעֶן אַ בֵּית הַמִקְדָשׁ" עֶס הֵייסְט, אַז עֶר הַאלְט

אוּנְז נִישְׁט אֲפִילוּ פַאר דִיעֶנֶער פוּנ'ם אֱמֶת'ן גָאטְט, פַאר אַנְהֶעֶנְגֶער פוּן דֶער יוּדִישֶׁער אֱמוּנָה.

**שלומית.** יָא, בַּיי אוּנְז זָאגְט מֶען טַאקֶע, אַז גְלַייך מִיט אוּנְזֶער אֱמֶת'ן גָאטְט דִיעֶנְט אִיהְר נָאךְ אוֹיךְ פֶערְשִׁיעֶדֶענֶע עֲבוֹדוֹת זָרוֹת, נָאר דוּ, מַיין טְהַייעֶרֶער שַׂרְאֶצֶר, בִּיסְט דָאךְ נִיט אַזוֹי, אִיךְ, אוֹיךְ מַיין פָאטֶער וֵוייסֶען, אַז דוּ בִּיסְט אַיין אֱמֶת'עֶר דִיעֶנֶער פוּנ'ם אֵיינְצִיגֶען גָאטְט, פוּנ'ם אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל, דוּ דַארְפְסְט זִיךְ נִישְׁט רֶעכְנֶען פַאר אַ שׁוֹמְרוֹנִי.

**שראצר.** (מִיט אַזִיפְץ) הַלְוַאי, אַזוֹי זָאל זָאגֶען גָאטְט, אִיךְ אַלֵיין פִיהְל זִיךְ מֶעהְר יוּד ווִי שׁוֹמְרוֹנִי, עֶפְּעס גֶעלוּסְט זִיךְ מִיר תָּמִיד צוּ זַיין מֶעהְר אִין אַ יוּדֶעשֶׁען גֶעזֶעלְשַׁאפְט, אֵיידֶער אִין אַ שׁוֹמְרוֹנִישֶׁען, עֶס אִינְטֶערֶעסִירֶען מִיךְ יוּדִישֶׁע אַנְגֶעלֶעגֶענְהַייטֶען מֶעהְר ווִי אוּנְזֶערֶע. יָא, זָאג נָאר, מַיין טְהַייעֶרֶע שְׁלוֹמִית, וָואס הֶערְט זִיךְ עֶפֶּעס אִין יְרוּשָׁלַיִם?

**שלומית.** דַאנְקֶען גָאטְט אַלְלֶעס צוּם בֶּעסְטֶען, שׁוֹין אַסַךְ הַייזֶער אָבְּגֶעבּוֹיעֶט, יְרוּשָׁלַיִם הָאט שׁוֹין אַ פָּנִים ווִי אַ שְׁטָאדְט, שׁוֹין גֶעלֶעגְט אֲפִילוּ אַפוּנְדַאמֶענְט צוּם פֶעסְטוּנְג, דִי פֶעלְדֶער זֶענֶען פֶערְזַייעֶט, פְרוּכְטֶען וַואקְסֶען דִי בֶּעסְטֶע אוּנ דִי שֶׁענְסְטֶע, ווֶען מֶען וָואלְט נָאךְ גֶעקֶענְט מַאכֶען בַּיי אוּנְז קַאנַאלֶען, פוּן וֶועלְכֶע מֶען זָאל בֶּעגִיעֶסֶען דִי פֶעלְדֶער מִיט דִי גָארְטְנֶער, בְּשַׁעַת עֶס אִיז אַמָאל קַיין רֶעגֶען נִישְׁט דָא אִין דֶער צַייט, וָואלְטֶען מִיר גֶעהַאט בְּרוֹיט אוּנ פְּרוּכְטֶען נִישְׁט נָאר פַאר זִיךְ, נָאר אוֹיךְ פַאר אַסַךְ מְדִינוֹת, אוּנ דֶער הַאנְדֶעל וָואלְט גֶעגְלַאנְצְט בַּיי אוּנְז; נָאר אוֹיף דֶעם זֶענֶען נָאךְ בַּיי אוּנְז קַיין מִיטְלֶען אוּנ קַיין מֶענְשֶׁען נִישְׁט דָא. דֶער פָאטֶער זָאגְט, אַז דִי אֱמֶת'ע קָאלָאנִיזַאצְיֶע וֶועט זִיךְ אָנְהוֹיבֶּען עֶרְשְׁט דֶעמֶעלְט, בְּשַׁעַת דָאס בֵּית־הַמִקְדָּשׁ וֶועט פֶערְטִיג וֶוערֶען, אַז מִיר וֶועלֶען שׁוֹין הָאבֶּען אַ צֶענְטֶער, דֶעמֶעלְט וֶועלֶען אוּנְזֶערֶע יוּדֶען קוּמֶען מַאסְסֶענְווַייז, פוּן אַלְלֶע זַייטֶען. אַ הָאפְּנוּנְג צוּ גָאטְט, אַז דָאס וֶועט אִין גִיכֶען זַיין, — וָוארוּם כִּמְעַט אַ הַאלְבֶּער בֵּית־הַמִקְדָּשׁ אִיז שׁוֹין אָ[illegible]גֶעבּוֹיעֶט (זִי שְׁטֶעלְט זִיךְ אוּנ זִינְגְט).

1.

יִשְׂרָאֵל וֶועט נָאךְ אַמָאל גְלִיקְלִיךְ זַיין,<br>
ווִי אַלְלֶע פָאלְקֶער אוֹיף זַיין לַאנְד לֶעבֶּען;<br>
הָאבֶּען אֵייגֶען בְּרוֹיט אוּנ אֵייגֶענֶעם וויין<br>
וָואס זַיין עֶרְד וֶועט אִיהְם גֶעבֶּען.

2.

בֶּעזֶעסֶען וֶועלֶען זַיין אַלְלֶע אוּנְזֶערֶע שְׁטֶאדְט ,
בֶּעאַרְבַּייט אוּנ גֶעבֶּענְשְׁט אַלְלֶע אוּנְזֶערֶע פֶעלְדֶער ;
שוֹין נִיט מֶעהְר אִין דֶער פְרֶעמְד זוּכֶען אַ זָאט ,
נִישְׁט מֶעהְר בְּלָאנְזֶען אִין פְרֶעמְדֶע וֶועלְדֶער . . .

3.

אוֹיף דֶעם שְׁטִיקֶעל בְּרוֹיט וֶועט שוֹין נִיט דַארֶען דֶער מֹחַ ,
נִישְׁט פֶערְבְּרֶענְגֶען דִי יָאהְר אִין זָארְג , אִין טְרַאכְט , —
מֶעהְר נִיט צִיטֶערְן פַאר דֶעם פַיינְדְ'ס כֹּחַ :
טָאמֶער פַאלְט עֶר אָן אִין מִיטֶען דֶער נַאכְט . . .

4.

מִיט מוּטְה אוּנ שִׂמְחָה וֶועלֶען מִיר טְרֶעטֶען
אוֹיף דֶער עֶרְד פוּן אוּנְזֶער אֵייגֶענֶעם לַאנְד !
שׁוֹין מֶעהְר נִיט זַיין וִוי אַיינְגֶעבֶּעטֶען ,
שׁוֹין מֶעהְר נִיט הָאבֶּען גָאלֶע בִּלְבּוּלִים אוּנ שַׁאנְד .

5.

פְרֵיילִיךְ אוּנ לֶעבֶּעדִיג אִין חָארָאוָואדֶען
וֶועלֶען אוּנְזֶערֶע טֶאכְטֶער גֶעהֶען טַאנְצֶען
אִין אוּנְזֶערֶע וַוייִנְגֶערְטְנֶער , אוֹיף אוּנְזֶער בָּאדֶען ,
וָואס אוּנְזֶערֶע אֵייגֶענֶע הֶענְד וֶועלֶען פְלַאנְצֶען .

6.

מִיר וֶועלֶען שׁוֹין קַיין מוֹרָא הָאבֶּען פַארְ'ן שְׁלָאגֶען ,
אוּנְזֶערֶע שְׁוֶועסְטֶערְ'ס כָּבוֹד וֶועט זַיין זִיכֶער . . .
קֵיינֶער וֶועט שוֹין קַיין עֵצוֹת נִישְׁט מֶעהְר זָאגֶען
וִוי אַזוֹי אוּנְז פָּטוּר צוּ וֶוערֶען גִיכֶער .

7.

מיר ווילען זיך נאך מיט דער צייט דערלעבען
אונזער אייגענעם קעניג אויף זיך צו מאכען ,
אללע פעלקער וועלען אונז כבוד געבען
און מיר וועלען א נאציאן זיין אין אללע זאכען .

8.

א, ישראל וועט נאך א מלוכה זיין —
מיט אללע פעלקער גלייך געשטעלט !..
שיק זשע , גאט , דיין פאלק א זינן אריין
עס זאל קומען א הער פון עקען וועלט !

9.

דעמעלט וועט דאך פערווירקליכט ווערען
די רעד פון די נביאים , דיינע הייליגע לייט ;
שיק זשע אונז באלד דעם ליכטיגען שטערען —
מיר האבען שוין גענוג געליטען , עס איז 'שוין צייט !

שראצר — אמן, רבונו של עולם , איך וואלט שוין אויך געוואלט דער־לעבען די צייט , ווען ישראל וועט זיין א פאלק מיט אללעמען גלייך . איך מוז דיר זאגען , אז איך בין אייך שטארק מקנא : איהר האט שוין געמאכט דעם אנהייב פון אייער גאולה , דאס איבריגע וועט שוין אליין קומען , איהר וועט נאך אייער צוקונפט האבען , איהר וועט נאך א גליקליכע אומה זיין , אבער מיר שומרונים . . . (פויזע) מיר זענען ווי איין אבגעריסענער אבר פון דעם גאנצען גוף , מיר זענען ניט א טהייל פון אייך , און פאר זיך אליין זענען מיר אויך גאר ניט , מיר האבען קיין שום צוקונפט ניט, נאר צו וואלגערען זיך ביי אייך און יעדען איבריג זיין אין די אויגען , נאר וואס ווערדט פון די טענות ? . . (פויזע) זיי געזונד , מיין טהייערע .

שלומית . דו פערפערטיגסט זיך שוין אויף דער רייזע ? אזוי גיך ?

שראצר . ניין . מיין קאראוואן רייזט ערשט מארגען פריה אב , איך וויל איצט געהן זעהן ווי אייער בית־המקדש בייעט זיך .

**שלומית.** גֶעה לְשָׁלום; גָאטְט זָאל דִיךְ בֶּענְשֶׁען (ער גֶעהְט אַרוֹיס. יְהוֹשֻׁעַ בֶּן יְהוֹצָדָק קוּמְט אַרַיין).

**יהושע.** גָאטְט׳ס בְּרָכָה אוֹיף אוּנְזֶער פְּרִינְצֶעסִין! דַיין פָּאטֶער אִיז נִיטְט דָא?

**שלומית.** אוֹיב דֶער הֶערְר כֹּהֵן גָּדוֹל ווּינְשְׁט, וֶועל אִיךְ גֶעהְן זָאגֶען דֶעם פָּאטֶער אַז דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען.

**יהושע.** זַיי זֶשֶׁע אַזוֹי גוּט, טָאכְטֶער. (זִי גֶעהְט אַרוֹיס, זְרֻבָּבֶל קוּמְט בַּאלְד אַרַיין).

**זרבבל.** וָואס וֶועט זָאגֶען דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל?

**יהושע.** פְּרִינְץ אוּנ פֶּחָה! אַיין הַאלְבֶּעס בֵּית־הַמִּקְדָּשׁ אִיז שׁוֹין בַּאלְד פֶאֶרְטִיג, נָאר עֶס אִיז שׁוֹין בַּאלְד קיין גֶעלְד נִישְׁט דָא, מֶען דַארְף הָאבֶּען נָאךְ שְׁטֵיינֶער, צֶעדֶערֶען, מֶעטַאלְלֶען, דִי אַרְבַּייטֶער צָאהְלֶען, נָאר עֶס פֶּעהְלֶען מִיטְלֶען, בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען צוּ דִיר דוּ זָאלְסְט פוּנְאֵיינַאנְדֶער שִׁיקֶען צִירְקוּלְיַארֶען צוּ אַלְלֶע יוּדֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּנ אִין גָלוּת, זַיי זָאלֶען אוּנְז שִׁיקֶען נְדָבוֹת צוּ עֶנְדִיגֶען דֶעם בִּנְיָן פוּנ׳ם הֵיילִיגֶען בֵּית־הַמִּקְדָּשׁ.

**זרבבל.** אוּיגֶענְבְּלִיקְלִיךְ וֶוערֶען זַיי פֶאֶרְטִיג, מִן הַסְתָּם וֶועסְט דוּ, אַלס כֹּהֵן גָּדוֹל, זַיי אוֹיךְ אוּנְטֶער שְׁרַייבֶּען.

**יהושע.** מִיטְ׳ן גְרֶעסְטֶען פֶּערְגְנִיגֶען. (זְרֻבָּבֶל זֶעצְט זִיךְ שְׁרַייבֶּען, יְהוֹשֻׁעַ זֶעצְט זִיךְ אוֹיךְ, קוֹים נָאר זְרֻבָּבֶל נֶעמְט דִי פֶּעדֶער אִין הַאנְד קוּמְט אַרַיין אַ פֶּערְסִישֶׁער סַאטְרַאפּ).

**דער סאטראפ.** אַיין בֶּעפֶעהְל פוּן דֶעם קֶאנִיג (לֶעגְט אַרוֹיף אַ פַּאפִּיֶער אוֹיף דֶעם טִישׁ, יְהוֹשֻׁעַ אוּנ זְרֻבָּבֶל שְׁטֶעלֶען זִיךְ אוֹיף).

**זרבבל אונ יהושע.** עֶס לֶעבֶּע דֶער קֶאנִיג אוֹיף אֵייבִּיג! וָואס אִיז זַיין וואוּנְשׁ?

**דער סאטראפ.** (נֶעמְט דָאס פַּאפִּיֶער אוּנ לֵייעֶנְט) אִינ׳ם נָאמֶען פוּן דֶעם גְרוֹיסֶען פֶּערְסִישֶׁען קֶאנִיג אַרְתַּחְשַׁשְׂתְּא סְמֶערְדִיס וֶוערְט פוּן יֶעצְט אָן שְׁטְרֶענְג פֶּערְבָּאטֶען צוּ בֶּעפֶעסְטִיגֶען יְרוּשָׁלַיִם אוּנ בּוֹיֶען דָאס דָארְטִיגֶע בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוֹיב דִי יְהוּדִים וֶועלֶען נִיט הֶארֶען דֶעם בֶּעפֶעהְל מִיט גוּטֶען זָאל מֶען מִיט מַאכְט אוּנ מִילִיטֶער שְׁטֶערֶען דָאס בּוֹיֶען פָּארְט צוּ זֶעצֶען. (זְרֻבָּבֶל מִיט יְהוֹשֻׁעַ׳ן בְּלַייבֶּען שְׁטֶעהְן שְׁטַארְק פֶּערְוואוּנְדֶערְט אוּנ דֶערְשְׁרָאקֶען).

**זרבבל.** זַיי אַזוֹי פִיֶעל גוּט אוּנ עֶרְקְלֶעהְר אוּנְז דִי אוּרְזַאכֶע פוּן דֶעם שְׁטְרֶענְגֶען קֶאנִיגְלִיכֶען בֶּעפֶעהְל, דוּ ווֵייסְט דָאךְ וַאהְרְשַׁיינְלִיךְ, אַז דֶער קֶאנִיג כּוֹרֶשׁ הָאט אוּנְז עֶרְלוֹיבְּט בּוֹיֶען דָאס בֵּית־הַמִּקְדָּשׁ, עֶר הָאט נָאךְ אֲפִילוּ אוּנְז

אָבְּגֶעגֶעבֶּען דִי כֵּלִים פוּן דֶעם בֵּית־הַמִקְדָשׁ , וָואס נְבוּכַדְנֶצַר , דֶער מֶלֶךְ פוּן בָּבֶל , הָאט צוּ גֶענוּמֶען בַּיים חוּרְבַּן ; — וִוי זְשֶׁע שִׁיקְט עֶס זִיךְ , אַז דֶער קֶעניִג סְמֶערְדִיס זָאל לֶעבֶּען זָאל גֶעהְן גֶעגֶען דֶעם בֶּעפֶעהְל פוּן זַיין פָּאטֶער ?

**דער סאטראפ** . גָאר פָּשׁוּט : דִי שׁוֹמְרוֹנִים הָאבֶּען עֶרְקְלֶעהְרְט דֶעם קֶעניִג , אַז אִין אַייֶער שְׁטָאדְט יְרוּשָׁלַיִם זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג בּוּנְטֶען גֶעוֶועזֶען , אַז אִיהְר אַלֵיין זֶענְט גְרוֹיסֶע מְיַאטֶעזְשְׁנִיקֶעס , אַז בְּשַׁעַת אִיהְר וֶועט אַייֶער שְׁטָאדְט בֶּעפֶעסְטִיגֶען וֶועט אִיהְר אוֹיפְהֶערֶען פָּאדַאט צָאהְלֶען , אוּנ דִי קַאזְנַא וֶועט הָאבֶּען פִּיֶעל שָׁאדֶען . בְּכֵן קֶענֶען זֵיי , אַלְס טְרֵייֶע פָּאדַאנֶעס , נִישְׁט גְלַייכְגִילְטִיג צוּזֶעהְן , אַז אַזֶעלְכֶע בּוּנְטָאוְושְׁטְשִׁיקֶעס וִוי אִיהְר זָאלֶען אַ פֶעסְטוּנְג הָאבֶּען אוּנ דֶער קֶעניִג זָאל דוּרְךְ אַייֶערֶע שְׁטוּטְשְׁקֶעלֶעךְ פֶערְלִירֶען דִי גַאנְצֶע מְדִינָה , וָואס פוּנ׳ם טַייךְ פְּרָת בִּיז צוּם מַעֲרָב־יָם . דֶער קֶעניִג הָאט זֵייעֶרֶע רֶעד זִיךְ אִין דֶעם קָאפּ אַריין גֶענֶעמֶען אוּנ אַרוֹיס גֶעגֶעבֶּען דֶעם אוּקַאז , וָואס אִיךְ הָאבּ אַייךְ נָאר וָואס גֶעלֵייעֶנְט . טָאמֶער וִוילְט אִיהְר נִישְׁט פָּאלְגֶען דֶעם קֶעניִג , וֶועלֶען מִיר זֶעהְן וֶוער עֶס אִיז שְׁטַארְקֶער . אִיךְ הָאבּ שׁוֹין מַיינְס אָבְּגֶערֶעדְט , אוּנ אִיהְר גֶעדֶענְקְט וָואס מֶען זָאגְט אַייךְ . (עֶר גֶעהְט אַוֶועק) .

**יהושע** . (מִיט פֶערְצְוֵוייפְלוּנְג) הַיינְט וָואס טְהוּט מֶען אִיצְט ? פֶערְפַאלֶען אוּנְזֶער מִיה , פֶערְלוֹירֶען אוּנְזֶער צוּקוּנְפְט !

**זרבבל** . פֶערְצְוֵוייפֶעל נִישְׁט , כֹּהֵן־גָדוֹל , גָאטְ׳ס וֶוערְטֶער וֶוערֶען נִישְׁט פֶערְפַאלֶען אוּמְזִיסְט , אוּנ יִשְׂרָאֵל אִיז גֶעוואוֹינְט צוּ הַארֶען מִיט גֶעדוּלְד . אוּנְזֶער צוּקוּנְפְט אִיז נִיט פֶערְלוֹירֶען . הֶאר נָאר , יְהוֹשֻׁעַ , אִיךְ גְלֵייבּ נִישְׁט , אַז אַ זוּהְן זָאל אִיבֶּערְמַאכֶען דֶעם פָּאטֶער׳ס בֶּעפֶעהְל .

**יהושע** . מֵיינְסְט דוּ דֶען , אַז דֶער אוּקַאז אִיז אַ פַאלְשֶׁער ?

**זרבבל** . נֵיין , אִיךְ מֵיין — אַז דֶער קֶעניִג אִיז אַ פַאלְשֶׁער .

**יהושע** . אִיךְ פֶערְשְׁטֶעה דִיךְ נִיט .

**זרבבל** . דוּ הָאסְט מִן הַסְתָּם נִישְׁט גֶעהֶערְט וָואס דֶער עוֹלָם מוּמֶעלְט אוֹיפְ׳ן קֶעניִג . מֶען זָאגְט , אַז דֶער פְרִיהֶערְדִיגֶער קֶעניִג , קַאמְבִּיזֶעס , הָאט זַיין בְּרוּדֶער סְמֶערְדִיס גֶעטֶעדְט , אוּנ דֶער אִיצְטִיגֶער קֶעניִג אִיז אַ פַאלְשֶׁער סְמֶערְדִיס , אַ סִימָן אַז עֶר הָאט מוֹרָא זִיךְ צוּ ווַייזֶען אֲפִילוּ פַאר דִי גְרֶעסְטֶע שָׂרֵי מְלוּכָה פוּנ׳ם לַאנְד , אוֹיפְ׳ן גַנָב בְּרֶענְט דָאס הִיטֶעל , אַ סִימָן דָאס הַארְץ זָאגְט אִיהְם אַז זֵיי וֶועלֶען אִיהְם דֶערְקֶענֶען ; נָאר אַזֶעלְכֶע זַאכֶען הַאלְטֶען זִיךְ נִיט לַאנְג בְּסוֹד . מֶען וֶועט גִיךְ דֶערְגֶעהְן דֶעם אֶמֶת אוּנ דֶערְמֶעלְט וֶועט עֶר מִיט זַיינֶע אוּקַאזֶען הָאבֶּען אַ סוֹף , וִוי עֶס פַּאסְט פַאר אַ סַאמָאזְוַואנֶעץ .

**יהושע** . אָבֶּער וִוי גֶעפֶעלֶען דִיר אוּנְזֶערֶע שָׁאנֶע גֵרִים , וָואס זֶענֶען נִיט

קיין גוים און נִיט קיין יוּדען, דִי שׁוֹמְרוֹנִים? וָואס זָאגְסְט דוּ אויף זֵייעֶר שְׁרעֶקְלִיכֶען דָאנָאס? דַאכְט זִיךְ, אַז הָמָן וָואלְט שׁוין קיין עֶרְגֶערֶע דָאנָאסֶען נִישְׁט גֶעדַארְפְט שְׁרַייבֶּען. און וָואלְטֶען זֵיי הָאטְשׁ עֶפֶּעס גֶעהַאט צוּ אוּנְז? דַאכְט זִיךְ שׁוין 14 יָאהְר צַייט מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַהֶער הָאבֶּען מִיר זֵיי נִישְׁט אָנְגֶעריהְרְט, מִיר הָאבֶּען נָאר מִיט זֵיי קיין שׁוּתְּפוּת נִיט גֶעוָואלְט מַאכֶען אִינְ'ם בֵּית-הַמִּקְדָשׁ, פָּשׁוּט וַוייל זֵיי זֶענֶען נִיט אוּנְזֶערֶע בְּרִידֶער.

**זרבבל.** מִיר וֶועלֶען זֵיי אויךְ אִיבֶּערְקוּמֶען, אַבִּי דַאנְקֶען גָאטְט מִיר זֶענֶען אויף אוּנְזֶער פְּלַאטְץ, בַּיי זִיךְ אִין דֶער הֵיים, מִיט גָאטְטֶעס הִילְף וֶועלֶען מִיר אַמָאל קוּמֶען צוּ אוּנְזֶערֶע כֹּחוֹת, וֶועלֶען מִיר זִיךְ מִיט זֵיי אָבְּרֶעכֶנֶען.

**יהושע.** אָבֶּער בִּיז יֶענֶער צַייט קֶען זִיךְ זֵייעֶר בְּלוּט אויסְמִישֶׁען דוּרְךְ חֲתוּנוֹת מִיט אוּנְזֶער יוּדִישׁ בְּלוּט, זֵיי וֶועלֶען זִיךְ מִיט אוּנְז מְשַׁדֵךְ זַיין, זֵיי וֶועלֶען אוּנְז צוּטְהֵיילֶען דִי מִאוּסֶע מִדוֹת, וָואס זֵיי הָאבֶּען גֶעיַרְשֶׁעט פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן: נֵיין, מֶען טָאר עֶס נִישְׁט דֶערְלָאזֶען, מֶען מוּז זֵיי שׁוין אויסְשְׁלִיסֶען פוּנְ'ם יוּדִישֶׁען פָאלְק.

**זרבבל.** בִּיזְט גֶערֶעכְט. גֶעה בְּרֶענְג מִיר 300 כֹּהֲנִים, 300 יוּנְגֶע קִינְדֶער, 300 סִפְרֵי תּוֹרוֹת מִיט 300 שׁוֹפְרוֹת, מִיר וֶועלֶען זֵיי מַחְרִים זַיין פוּנְ'ם קְהַל יִשְׂרָאֵל און בֶּעפֶעהְלֶען, אַז נִיט אֵיין יוּד זָאל מִיט זֵיי קיין מַגַע וּמַשָׂא נִישְׁט הָאבֶּען. אַגַב וֶועסְט דוּ שׁוין שִׁיקֶען זָאגֶען דִי אַרְבַּייטֶער בַּיים בֵּית הַמִּקְדָשׁ, אַז זֵיי מוּזֶען דֶערְוַוייל אַוֶועק לֶעגֶען זֵייעֶר אַרְבַּייט.

**יהושע.** אוֹיגֶענְבְּלִיקְלִיךְ וֶוערְט דַיין בֶּעפֶעהְל עֶרְפִילְט (עֶר גֶעהְט אַרוֹיס, שְׂרָיָה קוּמְט אַרַיין).

**שריה.** (מִיט אוּנְרוּהִיגְקַייט) נָאר וָואס אִיז שְׁתַר-בּוֹזְנַי מִיט אַ גַאנְצֶען חַיִל אַרָאפּ צוּם בֵּית הַמִּקְדָשׁ און מִיט גֶעוואלְד צֶעיָאגְט דִי אַרְבַּייטֶער. זָאג נָאר וָואס הֵייסְט דָאס? מִיר טְהוּן אֶפְשַׁר אָהְן דֶעם וִוילְלֶען פוּנְ'ם קֶענִיג כּוֹרֶשׁ?

**זרבבל.** דָאס אִיז אִיבֶּער אַ דָאנָאס פוּן דִי שׁוֹמְרוֹנִים, נָאר זַיי רוּהִיג, גָאטְט'ס וָוארְט וֶועט בְּלַייבֶּען אויף אֵייבִּיג.

(יְהוֹשֻׁעַ בֶּן יְהוֹצָדָק אִין דֶער כֹּהֵן-גָדוֹל'שֶׁער פָּארְמֶע קוּמְט אַרַיין מִיט כֹּהֲנִים, יֶעדֶער הַאלְט אַ סֵפֶר תּוֹרָה מִיט אַ שׁוֹפָר, נָאךְ זֵיי גֶעהֶען יוּנְגֶע קִינְדֶער, דִי כֹּהֲנִים שְׁטֶעלֶען זִיךְ אַרוּם טִישׁ, דָארְטֶען שְׁטֶעלֶען זֵיי דִי סִפְרֵי תּוֹרוֹת, וֶועלְכֶע זֵיי הַאלְטֶען צוּ, דִי קִינְדֶער שְׁטֶעהֶען אַרוּם זֵיי, זְרֻבָּבֶל שְׁטֶעלְט זִיךְ אויף).

**זרבבל.** כֹּהֵן גָדוֹל, מַאךְ דֶעם חֵרֶם!

**יהושע.** אִינְ'ם נָאמֶען פוּן גָאטְט, אִינְ'ם נָאמֶען פוּן אוּנְזֶערֶע נְבִיאִים און אִינְ'ם נָאמֶען פוּן כָּל יִשְׂרָאֵל שְׁלִיסֶען מִיר אוֹיס פוּנְ'ם כְּלַל יִשְׂרָאֵל אַלֶּע הַאלְבֶּע

גֶרים אוּנ הַאלְבֶּע גֶעטְצֶענְדִינֶער פוּן דִי אוּמוֹת, וָואס שַׁלְמַנְאֶסֶר מֶלֶךְ אַשּׁוּר הָאט אַהֶער פֶערְשְׁלֶעפְּט, דִי אַלְלֶע בַּבְלַיִים, כּוּתִים, עַוִּים, חֲמָתִים אוּנ סְפַרְוַיִם, וֶועלְכֶע זֶענֶען בֶּעקַאנְט אוּנְטֶער דֶעם נָאמֶען „שׁוֹמְרוֹנִים”. קֵיין יוּד טָאהְר מִיט זֵיי קֵיין מַגַע וּמַשָּׂא נִיט הָאבֶּען, זֵייעֶר בְּרוֹיְדט אִיז טְרֵיפָה, זֵייעֶר שְׁחִיטָה – אִיז חֲזִיר, זֵייעֶר וַויין – אִיז נֶסֶךְ. זֵיי זָאלֶען זֵיין בַּיי אוּנְז ווִי אֶמֶתֶ׳ע גֶעטְצֶענְדִינֶער, זֵיי הָאבֶּען נִיט קֵיין שׁוּם חֵלֶק וְנַחֲלָה אִין יִשְׂרָאֵל אוּנ אִין זַיין לַאנְד! אִין יוּדִישֶׁען פֶערְזַאמְלוּנְגֶען טָאהְרֶען זֵיי נִיט קוּמֶען אוּנ צְווִישֶׁען דִי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל זָאלֶען זֵיי נִיט פֶערְשְׁרִיבֶּען וֶוערֶען, מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם!

**אללע קינדער.** אָמֵן! אָרוּר הָאִישׁ אֲשֶׁר לֹא יָקִים אֶת דִּבְרֵי הַבְּרִית הַזֹּאת, פֶערְשָׁאלְטֶען זָאל זַיין דֶער, וֶועלְכֶער וֶועט נִיט הִיטֶען דֶעם דָאזִיגֶען בֶּעפֶעהְל! (דִי כֹּהֲנִים בְּלָאזֶען שׁוֹפָר, דִי קִינְדֶער זִינְגֶען דָאס קַאפִּיטֶעל פ״ג פוּנ׳ם תְּהִלִּים).

אֱלֹהִים אַל דֳּמִי לָךְ אַל תֶּחֱרַשׁ וְאַל תִּשְׁקֹט אֵל, כִּי הִנֵּה אוֹיְבֶיךָ יֶהֱמָיוּן וּמְשַׂנְאֶיךָ נָשְׂאוּ רֹאשׁ, עַל עַמְּךָ יַעֲרִימוּ סוֹד וְיִתְיָעֲצוּ עַל צְפוּנֶיךָ א. ז. וו. אֱלֹהַי, שִׁיתֵמוֹ כַגַּלְגַּל, כְּקַשׁ לִפְנֵי רוּחַ, כְּאֵשׁ תִּבְעַר יָעַר וּכְלֶהָבָה תְּלַהֵט הָרִים, כֵּן תִּרְדְּפֵם בְּסַעֲרֶךָ וּבְסוּפָתְךָ תְבַהֲלֵם, מַלֵּא פְנֵיהֶם קָלוֹן וִיבַקְשׁוּ שִׁמְךָ ד׳, יֵבֹשׁוּ וְיִבָּהֲלוּ עֲדֵי עַד וְיַחְפְּרוּ וְיֹאבֵדוּ, וְיֵדְעוּ כִּי אַתָּה שִׁמְךָ ד׳ לְבַדֶּךָ עֶלְיוֹן עַל כָּל הָאָרֶץ.

**זרבבל.** אִיצְט, בְּרִידֶער, זַייט מְפַרְסֵם אוּנְזֶער בֶּעפֶעהְל צְווִישֶׁען אַלְלֶע יוּדֶען (אַלְלֶע צֶעגֶעהֶען זִיךְ, שְׁלוֹמִית קוּמְט אַרַיין, דֶער קָאפּ אִיז אִיהְר אַרָאפּ גֶעלָאזְט, דָאס פָּנִים בְּלַאסְס, זְרֻבָּבֶל צוּ אִיהְר מִיט רַחֲמָנוּת) הַיינְט, מַיין טָאכְטֶער, מוּזְט דוּ שׁוֹין פֶערְגֶעסֶען אִין שַׁרְאֶצֶר׳ן, אַרוֹיסְרַייסֶען זַיין לִיעֶבֶּע פוּן דַיין הַאַרְץ, שַׁרְאֶצַר אִיז אֲפִילוּ אַיין אָרְדֶענְטְלִיכֶער יוּנְגֶער מַאנְן, עֶר אִיז אָבֶּער אַ שׁוֹמְרוֹנִי.

**שלומית.** (מִיט אִינְגֶערְלִיכֶען צַעַר) אָ, פָּאטֶער, דָאס אִיז זֶעהְר גְרִינְג צוּ זָאגֶען, אָבֶּער אוּמְמֶעגְלִיךְ אוֹיסְצוּפִיהְרֶען, אִיךְ בִּין פַארְטִיג צוּ גֶעהְן אַ קָרְבַּן פַאר מַיין נַאצִיאָן, אִיךְ בִּין נִיט בֶּעסֶער פוּן יִפְתָּח׳ס טָאכְטֶער, חָאטְשׁ מִיר אִיז עֶרְגֶער פוּן אִיהְר, זִי אִיז מִיט אֵיין מָאל פֶערְבְּרֶענְט גֶעוָוארֶען אוּנ פָּטוּר גֶעוָוארֶען אַלְלֶע צָרוֹת, מִיךְ וֶועט אָבֶּער דָאס פַייֶער פוּן מַיין לִיעֶבֶּע בְּרֶענְנֶען אוֹיף מַיין גַאנְץ לֶעבֶּען, אִיךְ מוּז מִיךְ פוּן שַׁרְאֶצֶר׳ן עֶנְטְזָאגֶען, ווַייל דָאס פָאדֶערְט פוּן מִיר מַיין נַאצִיאָן, דִי אוּמְשְׁטֶענְדֶע הָאבֶּען אַ שְׁרֶעקְלִיךְ הוֹיכֶע אוּנ דוּנְקֶעלֶע וַואנְד גֶעשְׁטֶעלְט צְווִישֶׁען מַיין פָאלְק אוּנ זַיינֶעם, אוּנ אִיךְ, אַלְס טְרַייֶע טָאכְטֶער פוּן יְהוּדָה, אַלְס אֶמֶתֶ׳ע בַּת צִיוֹן, טָאהְר דִי וַואנְד נִיט בְּרֶעכֶען; אָבֶּער פֶערְגֶעסֶען, אַרוֹיסְרַייסֶען דִי לִיעבֶּע, – נֵיין, דָאס בִּין אִיךְ נִיט אִין שְׁטַאנְד צוּ טְהוּן, דָאס הָאט אוֹיךְ קֵיינֶער קֵיין רֶעכְט צוּ פָאדֶערֶען פוּן מִיר; מַיין טְהַאט קָען פֶערְווֶערְט זַיין, מַיין הַארְץ אָבֶּער אִיז פְרַיי; אִיךְ בִּין שׁוֹין אַזוֹי אוֹיךְ גֶענוּג אוּמְגְלִיקְלִיךְ! לָאזֶען חָאטְשׁ

מײַנֶע לִיעבֶּע גֶעפִיהְלֶע מִיר דָאס שְׁמֶערְצְלִיכֶע פֶּערְגְנִיגֶען גֶעבֶּען, וָואס זײ װֶעלֶען אָפְּפְּרִישֶׁען זֶעהְר אָפְּט מײַנֶע װוּנְדֶען, פֶּערְשְׁװַארְצֶען פַאר מִיר דִי זוּנְן אִין אִיהְר בֶּעסְטֶען שַׁײן אוּנ פֶּערְדוּנְקֶעלֶען מײַן װֶעלְט אִין מײַנֶע בֶּעסְטֶע יָאהְרֶען (זִי װײנְט).

**זרבבל**. גָאטְט זָאל דִיךְ בֶּענְשֶׁען, מײַן קִינְד, פַאר וָואס דוּ הַאנְדֶעלְסְט װִי אַײן אֶמֶת'ע יוּדִישֶׁע טָאכְטֶער, װִי עֶס פַּאסְט פַאר דָוִד הַמֶלֶךְ'ס עֶנִיקִיל. דֶער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם זָאל דִיר גֶעבֶּען כֹּחַ אִיבֶּערְצוּטְרָאגֶען דַײנֶע שְׁמֶערְצֶען אוּנ זָאל דִיר הַײלֶען דַײנֶע װוּנְדֶען. שְׁטַארְק זִיךְ, מײַן קִינְד, אָט גֶעהְט שַׁרְאָצֶר, גֶעזֶעגֶען זִיךְ מִיט אִיהְם דָאס לֶעצְטֶע מָאל, (עֶר גֶעהְט אַרוֹיס, שַׁרְאָצֶר קוּמְט אַרַײן).

**שראצר**. (מִיט שְׁרֶעק) וָואס װײנְסְט דוּ, מײַן טְהַײעֶרֶע שְׁלוֹמִית?

**שלומית**. אִיךְ װײן אוֹיף אוּנְזֶער בֵּײדֶענְס אוּמְגְלִיק.

**שראצר**. (מִיט שְׁרֶעק) וָואס הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפֶען? זָאג, מײַן טְהַײעֶרֶע, גִיכֶער! מײַן נְשָׁמָה פְלִיהְט מִיר אַרוֹיס.

**שלומית**. דוּ בִּיזְט גֶעגַאנְגֶען זֶעהְן װִי מֶע בּוֹיעֶט דָאס בֵּית-הַמִקְדָשׁ?

**שראצר**. יָא, נָאר תֵּיכֶף װִי אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען אַהִין הָאט שְׁתַר-בּוֹזְנַי מִיט קָאלְדַאטֶען צֶעטְרִיבֶּען דִי אַרְבַּײטֶער.

**שלומית**. פוּן דֶעם אִיז אַרוֹיס אוּנְזֶער אוּמְגְלִיק.

**שראצר**. (מִיט פֶּערְװוּנְדֶערוּנְג) אִיךְ פֶערְשְׁטֶעה דִיךְ נִיט.

**שלומית**. דַײנֶע בְּרִידֶער, דִי שׁוֹמְרוֹנִים, הָאבֶּען דִי נִידְרִיגְסְטֶע דָאנָאסֶע גֶעגֶעבֶּען אוֹיף אוּנְז צוּם קֶענִיג סְמֶערְדִיס.

**שראצר**. (לָאזְט אַרָאפּ דֶעם קָאפּ) יָא, אִיךְ װײס, לֵײדֶער אִיז דָאס אֱמֶת.

**שלומית**. דֶער סוֹף פוּן דִי דָאנָאסֶען אִיז גֶעוֶועזֶען, אַז דֶער קֶענִיג הָאט פֶּערְבָּאטֶען צוּ בּוֹיעֶן דָאס בֵּית-הַמִקְדָשׁ, מֶען הָאט צֶעטְרִיבֶּען דִי אַרְבַּײטֶער, אוּנ אוּנְזֶער פָאלְק הָאט אִיבֶּער דֶעם מִיט אַ שְׁטְרֶענְגֶען חֵרֶם אַײךְ אוֹיסְגֶעשְׁלָאסֶען פוּנ'ם כְּלַל יִשְׂרָאֵל אוּנ פֶערְװֶעהְרְט מִיט עָמִיצֶען פוּן אַײךְ דֶעם קְלֶענְסְטֶען מַגָע וּמַשָׂא צוּ הָאבֶּען, — פֶערְשְׁטֶעהְסְט דוּ שׁוֹין אוּנְזֶער אוּמְגְלִיק?

**שראצר**. (שְׁװַײגְט אַ װַײלֶע, דֶערְנָאךְ זָאגְט עֶר מִיט אַ הַעֲמָנוּת פָּנִים) אָבֶער אִיךְ, שְׁלוֹמִית...

**שלומית**. מײַן טְהַײעֶרֶער שַׁרְאָצֶר, מײַן הַארְץ אִיז דַײנְס, מײַנֶע גֶע-פִיהְלֶע, מײַנֶע גֶעדַאנְקֶען אוּנ מײַנֶע חֲלוֹמוֹת זֶענֶען נָאר צוּ דִיר פֶּערְהֵײלִיגְט, אִיךְ װֶעל דַײן לִיעבֶּע קֵײן פְּרֶעמְדֶען נִישְׁט אַװֶעקְגֶעבֶּען, אִיךְ בִּין אָבֶער דִי טָאכְטֶער פוּן מײַן נַאצִיאָן...

**שראצר**. װער נאָך װי דו און דײַן פּאַטער װײסען, אַז איך בין ניט װי אַלֶלע שומרונים.

**שלומית**. נײן, מײַן טהײַערער, דאָ איז נישט די רעדע פון מיר און פון דיר, פון דעם אָדער פון יענעם, נאָר פון יודען און שומרונים. אַז איך זאָל צו מײַן גליק געהן, מוז איך פון מײַן נאַציאָן אַװעק געהן; נאָר אויסער דעם, װאָס איך האָב מײַן נאַציאָן אַזױ ליעב, אַז אַרױסגעהענדיג פון איהר איז שױן פאַר מיר קײן גליק נישט דאָ, האָב איך נאָך אויף דעם גאָר קײן רעכט נישט: איך בין ניט מיט מײַן װילען געקומען צו מײַן נאַציאָן, אַז איך זאָל קענען מיט מײַן אײגענעם װילען מיך ענטזאַגען פון איהר... לאָז מיך, מײַן טהײַערער, פערברענט װערען אויף דעם פײַער פון מײַן ברענענדיגער ליעבע צו דיר, און דו־זײַ געזונד, לעב גליקליך און טהו װאָס פאַר דיר בעסער איז; איך װעל דיך ביז מײַן טױדט נישט פערגעסען; דײַן פּנים, דײַנע עדלע װאָרטער, װעלען מיר אײביג נאָך געהן, מײַן הארץ װעט מיר פילען — דאָס װעט אָבער מײַן פערגע־ניגען זײַן?

זײַ געזונד, מײַן ליעבע נשמה!
לעבע װאָהל נאָך דײַן בעגעהר.
פאַר מיר איז שױן נישט דאָ קײן נחמה —
מײַן לעבען װעט שױן ניט לײַכטען מעהר!

---

אין קלאָג װעלען מײַנע טאָג אַװעק,
טײַכען טרערען װעלען מיר די נאַכט געבען
ביז פון מײַנע יאָהרען װעט װערען אײן עק,
ביז דער ענדע פון מײַן פינסטערן לעבען.

---

און אין דעם יאָממער און מורא'דיגען פּײן,
װענן אַלֶלע מײַנע טאָג װעלען אײן לאַנגע נאַכט װערען, —
אַז דײַן פּנים װעט מיר געבען אַ שײַן
װעט מײַן שװאַרצער הימעל האָבען אויך אַ ליכטיגען שטערן.

---

גֶעה ! אִיךְ בְּלַייבּ אויף אֵייבִּיג נָאר דַיינֶע
אוּנ אויף אֵייבִּיג פוּן דִיר אָבְּגֶערִיסֶען . . .
פֶערְגֶעס דָאךְ נִיט דִי שְׁמֶערְצֶען מַיינֶע
מִיט דִי טְרֶעהְרֶען , וֶועלְכֶע אִיךְ וֶועל פֶערְגִיסֶען .

---

גֶעה ! גָאטְט זָאל דַיין וֶועג בֶּענְשֶׁען ,
זַיין גוּטֶע שְׁמִירָה זָאל עֶר דִיר שֶׁענְקֶען,
אוּנ וואוּ דוּ וֶועסְט זַיין , צְווִישֶׁען וֶועלְכֶע מֶענְשֶׁען ,
זָאלְסְט דוּ דַיין אוּמְגְלִיקְלִיכֶע שְׁלוֹמִית גֶעדֶענְקֶען .

---

שראצר :

דַיין פָּנִים וֶועט מִיךְ בֶּעגְלֵייטֶען
אִין שְׁטֶעדְט , מִדְבָּרִיוֹת , אִינְ'ם וַוייטֶען וֶועג :
צוּ אִיךְ וֶועל זַיין פְּרַיי , צוּ אִין קֵייטֶען—
וֶועסְט דוּ מִיךְ דֶערְמָאנֶען מַיינֶע גְלִיקְלִיכֶע טֶעג .

---

נָאךְ מַיין הַארְץ זָאגְט , אַז דוּ וֶועסְט מַיינֶע זַיין ,
אויף אֵייבִּיג וֶועלֶען מִיר שְׁלִיסֶען אוּנְזֶער בּוּנְד ;
דִי וָואלְקֶענְס וֶועלֶען פְּלִיהֶען פַאר דֶער לִיבְּטִיגֶער שַׁיין,—
הָאף זֶשֶע צוּ גָאטְט אוּנ זַיי מִיר גֶעזוּנְד !

---

(עֶר גֵיעט אִיהְר דִי הַאנְד , בֵּיידֶע גֶעהֶען זִיךְ פוּן אֵיינַאנְדֶער מִיט גֶעוֵויין)

(פֶארְהַאנג פַאלְט) .

---

# פינפטער אקט.

---

(זְרֻבָּבֶ'לְס הויז , שְׁלוֹמִית זִיצְט אַלֵיין).

**שְׁלוֹמִית** . שׁוין זֶעקְס יָאהְר וִוי אִיךְ פְּלַאג זִיךְ , וִוי אִיךְ פֶערְבְּרֶענְג מַיינֶע טָאג אִין זִיפְצֶען אוּנ מַיינֶע נֶעכְט אִין טְרֶעהְרֶען , וִוי דָאס הֶעלְלֶעשֶׁע פַייֶער פוּן מַיין לִיעבֶּע בְּרֶענְט אִין מִיר אוּנ אִיךְ בִּין נָאךְ נִיט צֶעגַאנְגֶען גֶעוָוארֶען אִין מַיינֶע טַייכֶען טְרֶעהְרֶען , נִישְׁט פֶערְבְּרֶענְט גֶעוָוארֶען פוּנְ'ם פַייֶער ! . . . . אַךְ , גָאטְט ! וָוארוּם הַאלְסְט דוּ מִיךְ אוֹיף דַיין לֶעבְּטִיגֶער וֶועלְט ? וָואס טוֹיג אִיךְ , אוּמְגְלִיקְלִיכֶע קְלָאגֶערִין , אִין דַיין פְּרֶעהְלִיכֶער שְׁטָאדְט יְרוּשָׁלַיִם ! אָט אִיז הַיינְט אַ שִׂמְחָה בַּיי אַלֶע יוּדֶען : דָאס בֵּית־הַמִקְדָשׁ אִיז פֶערְטִיג גֶעוָוארֶען , אוּנ הַיינְט וֶועט דָאס חֲנוּכַּת הַבַּיִת זַיין , אַלֶע יוּדֶען זֶענֶען מָלֵא שִׂמְחָה , אַלֶע יוּדֶעשֶׁע טָאכְטֶער טַאנְצֶען אִין אַלֶע גַאסֶען , אוּנ אִיךְ שְׁטֶעה וִוי אַ לֶעבֶּעדִיגֶע מַצֵבָה אוֹיף דֶעם קֶבֶר פוּן מַיינֶע יוּנְגֶע יָאהְרֶען , בֶּעוַויין זִיךְ , בֶּעוַויין מַיין שַׁרְאֶצֶר'ן ! עֶס מַאכְט זִיךְ אַמָאל , אַז אַ גֶעלִיעבְּטֶער וֶוערְט פֶערְשְׁוואוּנְדֶען , פֶערְפַאלֶען , גֶענוּמֶען אִין גֶעפֶענְגֶענִיס , בְּלַייבְּט חָאטְשׁ דִי הָאפְנוּנְג צוּ גָאטְט , אַז עֶר וֶועט אִיהְם וֶוענְן־עֶס־אִיז צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּ זַיין גֶעלִיעבְּטֶער , אִיךְ אָבֶּער הָאבּ גָאר קֵיין רֶעכְט נִישְׁט אוֹיף קֵיין הָאפְנוּנְג , דֶער הִימְמֶעל אִיז פֶערְשְׁלָאסֶען פַאר מַיין גֶעוַויין ... שַׁרְאֶצֶר אִיז אַ שׁוֹמְרוֹנִי , אַ גוֹי , אַ יַם לִיעגְט צְוִוישֶׁען אוּנְז ! . . . . אָ , וואוּ נֶעהְמְט מֶען מֹשֶׁה רַבֵּנוּ , עֶר זָאל פַאר מִיר שְׁפַּאלְטֶען דֶעם דָאזִיגֶען יַם , אִיךְ זָאל אִיהְם טְרוּקֶען אַרִיבֶּער אוּנ קוּמֶען צוּ מַיין שַׁרְאֶצֶר'ן ! דֶער יַם אִיז אֲפִילוּ זֶעהְר שְׁמָאהְל , מִיט אֵיין טְרִיט קֶען מֶען אִיהְם אַרִיבֶּער ; עֶר אִיז אָבֶּער זֶעהְר טִיעף . . . . וִויפִיעל מָאל טְרַאכְט אִיךְ מִיר : וֶועמֶען טְהוּ אִיךְ אַ טוֹבָה מִיט מַיין לַיידֶען ? אָדֶער וָואס פַאר נוּטְצֶען בְּרֶענְגְט מַיין אָפְּפֶערֶען זִיךְ מַיינֶער נַאצִיאָן ? יוּדֶען וֶועלֶען בְּלַייבֶּען יוּדֶען , אֲפִילוּ וָוען אִיךְ וֶועל חֲתוּנָה הָאבֶּען פַאר שַׁרְאֶצֶר'ן ... פַאר וָואס זָאל אִיךְ אִיהְם נִיט אוֹיסְזוּכֶען , אַוֶועק פָאהְרֶען מִיט אִיהְם צוּ אוּנְזֶערֶע בְּרִידֶער אִין בָּבֶל אוּנ פֶערְבּוּנְדֶען זִיךְ מִיט אִיהְם אוֹיף אֵייבִּיג ? אַז אִיךְ קוּם שׁוין אָבֶּער צוּם בֶּעשְׁלוּס – הֶער אִיךְ אַזוֹי וִוי אַ שְׁרֶעקְלִיךְ קוֹל רֶעדְט צוּ מִיר : שְׁלוֹמִית , דֶער חַארַאקְטֶער פוּן דַיין שַׁרְאֶצֶר'ס פָאלְק אוּנ זֵייעֶר שִׂנְאָה צוּ יוּדֶען וֶועט אִיבֶּערְגֶעהְן צוּ דַיינֶע קִינְדֶער פוּן אִיהְם , צוּ דַיינֶע עֶנִיקְלִיךְ , אוּנ זֵיי , דַיינֶע קִינְדֶער , וֶועלֶען פֶערְפָאלְגֶען דַיינֶע אוּמְגְלִיקְלִיכֶע אֵייגֶענֶע בְּרִידֶער , וֶועלֶען שְׁלָאגֶען , רַאבֶּעוֶוען יוּדֶען ! אַ דָא – וֶוערְט פוּן מִיר אַשׁ , אִיךְ וֶוער בַּאז אוֹיף זִיךְ אַלֵיין , אִיךְ וֶוער בַּאז אוֹיף דֶעם שִׁיקְזַאל , וָואס הָאט מַיין הַארְץ פֶער־בּוּנְדֶען מִיט שַׁרְאֶצֶר'ס הַארְץ , אִיךְ וָואלְט לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט אִין קֶבֶר אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען ,

איך ווינש זיך דעם טוידט !..... איך האָפף אָבער צו גאָטט, אז ער וועט מיר שוין באלד שיקען דעם טוידט, מיך צו בעפרייען פון מיינע ליידען, מיינע כחות געהען מיר אוים פון טאג צו טאג, נאך א חודש, נאך א חודש וועל איך שוין מיט גאָטטעס הילף בעקומען די טשאַחטקא אונ געהען פון דער פינסטערער וועלט! אך, רבונו של עולם, זאל שוין דער געווינשטער טאג גיכער קומען! (זרבבל קומט אריין).

**זרבבל**. דו האלסט אלץ, מיין קינד, אין איין וויינען! שלאָג זיך אביסעל ארוים פונ'ם קאָפּ האָטש היינט, ווען אללע יודען פייערען דאס חנוכת-הבית פונ'ם בית-המקדש. קום אויך אויף דער שמחה פונ'ם כלל ישראל, אפשר וועסט דו זיך נאך אויסקלויבען דאָרט א חתן אויך. אט וויל דיך געהמען חגי הנביא, דעסגלייכען וויל דיך געהמען דעם כהן גדול'ס זוהן יוקים, זעהר שאָנע יונגע לייט, אזא יאהר זאל איך האָבען....

**שלומית**. (מיט א רחמנות פנים) פאָטער, איך וויל דיך עפּעס בעטען.

**זרבבל**. זאג, מיין קינד, וואס ווילסט דו?

**שלומית**. דאס בית-המקדש איז שוין פערטיג?

**זרבבל**. יא, דו ווייסט דען ניט?

**שלומית**. אונ די שומרונים האבען גאר ניט אויסגעפיהרט מיט אללע זייערע דאנאָסען?

**זרבבל**. ניין.

**שלומית**. טאמיר וואלסט דו געפּועלט אז היינט, אין דעם טאָג פון אונזער שמחה, זאל מען זיי מוחל זיין זייער זינד אונ מתיר זיין דעם חרם, וואס מען האט אויף זיי ארויפגעלעגט? זיי האבען דאך סיי ווי סיי ניט אויסגעפיהרט, פון זייערע שלעכטע מחשבות איז געוואָרען א טייך, לאמיר זיי מוחל זיין, מיר זענען דאך רחמנים בני רחמנים.

**זרבבל**. די ליעבע צו שראצר'ן רעדט אין דיר, מיין קינד; ערשטענס זענען די שומרונים גאר ניט שולדיג אין דעם, וואס זיי האבען נישט אויסגעפיהרט, זייער הארץ איז גוט געוועזען, נאר גאָטט האט זיי געמאכט פאר נאַרראָנים. פערגעס ניט, אז די גאנצע צייט האבען זיי אויף אונז געגעבען דאנאָסען נאך דאנאָסען. נאך מיט נייצעהן יאהר פריהער, אין א יאהר ארום נאך דעם, ווי כורש, זכרונו לברכה, האט אונז בעפרייעט, בשעת מיר האבען אנגעהויבען בויען דאס בית-המקדש אונ מיר האבען ניט געוואלט מיט זיי מאכען שותפות האבען זיי מיט כל הכחות אונז געשטערט פון דער ארבייט, ביז זיי האבען מיט זייערע

דָאנָאכֶען גֶעפּוּעֶלְט פַאר זֶעכְּס יָאהְר צוּרִיק בַּיי דֶעם סַאמָאזְוַואנֶעץ, בַּיים פַּאלְשֶׁען סְמֶערְדִיס, אוּנ מֶע הָאט אוּנְז פֶערְבָּאטֶען צוּ בּוֹיעֶן. אַז אוּנְזֶערֶע קְלוּגֶע מִינִיסְטָארֶען זֶענֶען אִין אַ פָּאר חֲדָשִׁים אַרוּם דֶערְגַאנְגֶען, אַז דֶער סַאמָאזְוואנֶעץ אִיז אַ פְּרָאסְטֶער מַאגְיֶער פוּן מָדַי, נִיט סְמֶערְדִיס דֶער זוּהְן פוּן כּוֹרֶשׁ, אוּנ הָאבֶּען אִיהְם גֶעטֶעדְט, אוּנ מִיט גָאטְט׳ס הִילְף אִיז עַל פִּי גוֹרָל אַרוֹיף אוּנְזֶער גְנֶאדִיגֶער קֶאנִיג דָרְיָוֶשׁ זָאל לֶעבֶּען, אוּנ אִין צְוַויי יָאהְר אַרוּם, דָאס הֵייסְט מִיט פִּיעֶר יָאהְר צוּרִיק, הָאבֶּען מִיר דוּרְךְ דֶער נְבוּאָה פוּן חַגַי אוּנ זְכַרְיָה ווִיעדֶער אָנְגֶעהוֹיבֶּען בּוֹיעֶן דָאס בֵּית־הַמִקְדָשׁ, הָאבֶּען זֵיי וַוייטֶער אָנְגֶעהוֹיבֶּען מִיט זֵייעֶרֶע דָאנָאסְעֶן, בִּיז דֶער קֶאנִיג דָרְיָוֶשׁ הָאט גֶעהֵייסֶען זוּכֶען אִין דִי אַרְכִיוֶוען אוּנ הָאט גֶעפוּנֶען, אַז דֶער קֶאנִיג כּוֹרֶשׁ הָאט שׁוֹין לַאנְג אוּנְז עֶרְלוֹיבְּט צוּ בּוֹיעֶן דָאס בֵּית־הַמִקְדָשׁ, הָאט עֶר נִיט נָאר אַרוֹיסְגֶעגֶעבֶּען אַ בֶּעפֶעהְל, אַז קֵיינֶער וַואגְט נִיט אוּנְז צוּ שְׁטֶערְן, נָאר אוֹיךְ גֶעהֵייסֶען גֶעבְּען אוּנְז אַלְץ, וָואס מֶען וֶועט דַארְפֶען הָאבֶּען אוֹיף דֶעם בִּנְיָן. דָאס אִיז אַלְץ נִסִים פוּן גָאטְט, וָואס קֶערְהֶערֶען זִיךְ מִיט דִי שׁוֹמְרוֹנִים נִישְׁט אָן. צְווייטֶענְס, בֶּערְעכְבֶען, מַיין קִינְד, אַז מִיר זֶענֶען יֶעצְט אַ שְׁוואכֶע נַאצִיאָן, מִיר דַארְפֶען זִיךְ פֶערְשְׁטַארְקֶען אוֹיף אוּנְזֶער לַאנְד, אוּנ אַז מִיר וֶועלְען זִיךְ בֶּעצְוייטְעֶנְס אָנְהוֹיבֶּען מִישְׁעֶן מִיט דִי שׁוֹמְרוֹנִים אוּנ נָאךְ אַנְדֶערֶע פֶעלְקֶער, וֶועלֶען מִיר זִיךְ טַאקֶע מִיט זֵיי אַזוֹי אוֹיסְמִישֶׁען, אַז עֶס וֶועט פוּן אוּנְז קֵיין זֵכֶר נִישְׁט בְּלַייבֶּען. לָאמִיר שׁוֹין אָנְנֶעהְמֶען, אַז זֵיי זֶענֶען אֶמֶת׳עֶ גָאטְטֶעס דִיעֶנֶער, נָאר וָואס קוּמְט אוּנְז אַרוֹיס דֶערְפוּן? עֶס אִיז נִיט זֶעלְטֶען צוּ זֶעהֶען, אַז פֶערְשַׁיעדֶענֶע אוּמוֹת הָאבְּען אֵיין אֱמוּנָה, פוּן דֶעסְטְוֶועגְן וֶוערֶען זֵיי נִישְׁט קֵיין שׁוּתְּפִים אִין לַאנְד־זַאכֶען, יֶעדֶעס פָאלְק הַאלְט זִיךְ בַּיי זַיין עֶרְד, בַּיי זַיין שְׁפְּרַאךְ אוּנ בַּיי זַיין נַאצִיאָנַאלִיטֶעט. אוּנְז הָאט פֶערְטְרִיבֶּען נְבוּכַדְנֶצַר אִין בָּבֶל, אַזוֹי ווִי זֵיי שַׁלְמַנְאֶסֶר קֵיין שׁוֹמְרוֹן, מִיר הָאבֶּען זִיךְ צוּרִיק גֶעקֶעהְרְט אַ הֵיים, זָאלֶען זֵיי אוֹיךְ גֶעהֶען פוּן וַואנֶען זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען. וָואס הָאבֶּען זֵיי צוּ אוּנְז? נָאר מִיר טְרַייבֶּען זֵיי נִיט, לָאזֶען זֵיי זִיטְצֶען בַּיי אוּנְז אוּנ אוּנְז לָאזֶען צוּרוּה. אִיךְ זָאג דִיר נָאךְ אַמָאל, מַיין קִינְד, פוּן דֶעם וָואס אַנְדֶערֶע וֶועלֶען אוּנְזֶערֶע אֱמוּנָה אָנְנֶעהְמֶען וֶועט אוּנְז נִיט וֶוערֶען בֶּעסֶער, מִיר וֶועלֶען גָאר נִישְׁט גֶעווִינֶען דֶערְפוּן, וָואס דֶער כַּאלְדֵייעֶר מִתְרְדָת וֶועט נִיט טְרָאגֶען קֵיין שַׁעַטְנֵז, תַּתְּנַי דֶער פֶּערְסֶיעֶר וֶועט גֶעהֶען אִין צִיצִית אוּנ יַרְחָע דֶער מִצְרִי וֶועט עֶסֶען מַצָה אוּם פֶּסַח, דֶערְפַאר אָבֶּער וֶועלֶען מִיר אַסַךְ שָׁאדֶען הָאבֶּען, אַז מִיר וֶועלֶען זִיךְ חָלִילָה אוֹיסְמִישֶׁען מִיט פְרֶעמְדֶע נַאצִיעֶס, מִיר וֶועלֶען אִי אוּנְזֶער עֶכְטֶען יוּדִישֶׁען חַארַאקְטֶער פֶערְלִיעֶרֶען, אִי אָנְווֶערֶען אוּנְזֶער כָּבוֹד, אַז מִיר זֶענֶען אַיין אַלְט פָאלְק, בְּנֵי אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב אוּנ בְּרִידֶער פוּן אוּנְזֶערֶע גְרוֹיסֶע נְבִיאִים, אִי אוּנְזֶער קְלֵיין לַאנְד וֶועט פֶערְפְרֶעמְדֶעט וֶוערֶען; נֵיין, מַיין קִינְד, ווִי לַאנְג מִיר וֶועלֶען נִישְׁט וֶוערֶען אַ גְרוֹיסֶע נַאצִיאָן, אִין וֶועלְכֶער

טױזענדטער גרים װעלען פּטיל װערען, װי אַ גלאָז װאַסער אין אַ פּאָס װײַין, טאָהרען מיר ניט פערמישען אונזער בלוט מיט פרעמדע פעלקער. (דער קנעכט קומט אַרײַן).

**דער קנעכט**. פּרינץ! אַ בעיאָהרטער מאַנן מיט אַ יונגען מענשען פרעגען זיך אויף אייך.

**זרבבל**. זאָלען זיי אַרײַנגעהען (דער קנעכט געהט אַרױס, שמעי קומט אַרײַן, מיט איהם געהט אַרײַן אַ יונגער מאַנן, װעלכער בלײַבט שטעהן בײַ דער טהיר מיט אַ פערװירקעלטען פּנים; שמעי געהט צו צו זרבבל'ן).

**שמעי**. װאָס מאַכסט דו, מײַן ברודער?

**זרבבל**. (מיט פערװאונדערונג) שמעי! (זיי פאַלען איינער אויף דעם אַנדערן און קושען זיך).

**שמעי**. איך בין געקומען אויף דער שמחה פון'ם חנוכת הבית, דאַנקען גאָטט װאָס איך האָב אױסגעפּעיעט צו דער צײַט. איך בין געקומען ניט אַליין, נאָר מיט מײַן זוהן מלכּירם (ער װײַזט אויף דעם יונגען מאַנן װאָס שטעהט פערװירקעלט), װעלכער איז פערפּאַלען געװאָרען בעת מיר זענען אַרױס פון גלות בבל, און נאָר ערשט נישט לאַנג האָב איך איהם, אַ דאַנק צו גאָטט, אָפּגעזוכט.

**זרבבל**. קום זעהע אַהער, מײַן ליעבער פּלימעניק, װאָס שטעהסט דו בײַ דער טהיר?

**שמעי**. ניין, איך װיל פריהער זיך בעקענען מיט דײַן טאָכטער שלומית, װעלכע איך האָב קליינערהייד אויף די הענד געטראָגען.

**שלומית**. (געהט צו צו שמעי) פיעל מאָל האָב איך פערגניגען געהאַט צו הערען דײַן װערטהען נאָמען פון מײַן פאָטער, איצט האָב איך דאָס גליק דיך צו זעהן.

**שמעי**. װאָס זעהע ביסט דו, מײַן קינד, פערװיינט? זעה, איך האָב דיר געבראַכט אַ חתן (ער װײַזט אויף זײַן זוהן), ער װעט דיר געװיס געפעלען (שלומית גיט אויף שמעי'ן אַ קוק מיט אַ געפיהל פון כּעס און בעליידיגונג, שמעי צו זײַן זוהן) מלכּירם, קום אַהער, איך האָב זיך שוין בעקאַנט מיט מײַן פּלימע־ניצע, אַצונד געה בעקענען זיך דו מיט דײַן פעטער און מיט דײַן שװעסטערקינד (מלכּירם געהט צו, דערקט אָפּ דאָס פּנים און שװײַגט).

**שלומית**. (גיט אַ שפּרינג מיט שרעק) שר־אצר! (זי פאַלט, שמעי מיט מלכּירם האַפּען זי, זעטצען זי אויף דעם שטוהל, זרבבל לויפט אַרױס. קומט באַלד אַרײַן מיט אַ גלאָז װאַסער, שפּריצט איהר אויף דעם פּנים, זי האַפּט זיך אויף).

**שלומית.** (מיט אַ שוואַכען קול) שַׂרְאֶצֶר! דו בּיזט איין אמת'ער יוד, מיין שוועסטערקינד!?... אַך, גאָטט! גיב מיר כּח איבער צוטראָגען מיין גליק, ווי דו האָסט מיך געשטאַרקט צו ליידען מיינע צרות. זיטץ נעבען מיר, מיין ליעבער שַׂרְאֶצֶר, וועט מיר גרינגער זיין... (ער זעצט זיך נעבען איהר).

**שמעי.** רופט איהם נישט מיט'ן פאַלשען שומרונישען נאָמען שַׂרְאֶצֶר, ער הייסט מלכירם, אַזוי האָט מען איהם אַ נאָמען געגעבען בעת ער איז געבוירען געוואָרען. (צו שלומית) האָב איך אמת געזאָגט, אַז איך האָב דיר געבּראַכט אַ חתן וואָס וועט דיר געפעלען? און דו האָסט זיך אַזוי בעליידיגט אויף מיינע ווערטער! (מיט אַ שמייכעל) איך וועל זיך נאָך מיט דיר דערפאַר אָבּרעכענען!

**זרבבל.** (פאַלט אויף די קניע) געלויבט זאָל זיין דער גאָטט פון מיין פאָטער דוד וואָס האָט אומגעקעהרט מיין ברודער זיין קינד, מיין טאָכטער-איהר גליק און מיר — דאָס לעבען פון מיין איינציגער טאָכטער (ער שטעלט זיך).

**שמעי.** קום, מיין ברודער, לאָמיר געהן צום בית-המקדש אויף דעם חנוכת הבית און נישט שטערען די יונגע קינדער זייער ערשטע שמחה, לאָזען זיי זיך אַביסעל אויסרעדען זייער האַרץ נאָך אַזוי פיעל יאָהר צרות. (צו מלכירם מיט שלומית) איהר וועט דאָך מן הסתם באַלד צוקומען צום בית-המקדש?

**מלכירם מיט שלומית.** יאָ, איהר וועט ניט לאַנג וואַרטען אויף אונז (שמעי נעמט זרבבל'ן ביים האַנד און זיי געהען ביידע).

**מלכירם.** (נעמט מיט איין האַנד שלומית'ן ביי איהר האַנד און מיט דער אַנדערער האַנד ביי איהרע לאָקען) שוין, דאַנקען גאָטט, אַוועק די פינסטערע יאָהרען, די וואָלקען זענען צעשפּרייט געוואָרען, אונזער זון וועט שוין העל לייכטען; ווער שוין אויך דו, מיין לעבען, פריש און מונטער ווי אונזער גליק!

**שלומית.** (לעגט דעם קאָפּ מלכירם'ן אויף דעם האַרץ) מיין טייערער! איך האָב דיך אַזוי שטאַרק געליעבט, אַז איך האָב דיך גערופען שַׂרְאֶצֶר. — ווי דאַרף איך דיך שוין ליעבען אַז דו בּיזט מיין שוועסטער-קינד, דער יודישער פּרינץ מלכירם! איך פערזיכער דיך, אַז איך וואָלט דיך איצט נאָך מעהר גע-ליעבט, נאָר מיין ליעבע צו דיר איז אויך ביז איצט געוועזען אַזוי גרויס, אַז מעהר ליעבען איז שוין אוממעגליך. זאָג נאָר, מיין ליכט און מיין הילף, ווי אַזוי האָסט דו אָפּגעזוכט דיין פאָלק, דיין פאָטער און דיין עהרע? (זי זעצט זיך און ווענדעט זיך מיט'ן פּנים צו מלכירם'ן).

**מלכירם.** איך אַליין האָב גאָר ניט געוואוסט צו זוכען, איך האָב גע-מיינט אַז איך בּין אַ שומרוני און האָב פערשאָלטען מיין שיקזאַל וואָס איך בּין

אַזוי געבוירען געוואָרען. עפּעס האָב איך זיך אַלץ געוואָלט איינרעדען, אַז איך בין קיין שומרוני, נאָר אַיין אֶמת'ער יוד, אַיין קינד פון דעם פאָלק, וואָס איך האָב בלינדערהייט געליעבט מעהר אַלס די שומרונים...

**שלומית.** (שלאָגט איהם איבער) איך האָב אויך אַלץ געזאָגט אַז דו דאַרפסט זיין אַ פּרינץ פון מלכות בית דוד.

**מלכירם.** נאָר, ווי איך האָב דיר געזאָגט, האָב איך ניט געוואָגט צו זוכען נייע עלטערן, נאָר דער צופאַלל האָט מיין פאָטער ענטדעקט די אויגען און ער האָט מיך אָבגעזוכט. דו האָסט מן הסתם געהערט פון דיין פאָטער, אַז בשעת שמעי מיין פאָטער איז גלייך מיט דיין פאָטער און נאָך יודישע פּאַטריאָטען אַרויס פון בבל איז ביי איהם פערפאַלען געוואָרען אַ קינד, דאָס הייסט: איך אַליין. דאָס קינד, ווי עס האָט זיך דערנאָך אַרויס געוויזען, האָט געגנבעט עמיצער אַ פשחור, וואָס האָט געמיינט אַז ער גנב'עט דיין עלטערן ברודער משלם. זיין צוועק איז געוועזען צו פערהאַלטען דורך דעם דיין פאָטער אין בבל, און מיט דעם־אויך אַללע יודען. נאָר ער האָט געהאַט אַ טעות און אַנשטאָט משלם'ן האָט ער מיך געגנב'עט און תיכף מיך אַוועק געשיקט צו זיינעם אַ בעקאַנטען שומרוני אין שכם, אַ ביעזדיעטניק, וואָס האָט מיך צו גענעמען פון מצוה וועגען צו ערציהען מיך אין זייער אמונה וואָס איז האַלב יודעש און האַלב עבודה זרה. דאָ מיט אַ פּאָר חדשים פריהער אַז פשחור איז געשטאָרבען און זיינע קינדער פון פערשיעדענע ווייבער האָבען זיך נישט געקענט צעטהיילען מיט דער ירושה האָבען זיי אַריין געטראָגען אַללע שריפטען וואָס זענען פון איהם געבליבען צו מיין פאָטער שמעי, ער זאָל, אַלס ראש־גלות נאָך דיין פאָטערס אָבּרייזען, אַרויס געבען זיי אַ ריכטיגען משפט. אַז דער פאָטער האָט אָנגעהויבען זיך גריבלען אין פשחור'ס כתבים, כדי צו וויסען וויפיעל פערמעגען האָט יעדעס ווייב פשחור'ן אַריין געטראָגען, איז ער פּלוצים אויף געקומען אויף אַ פּעקעל בריעף צווישען פשחור'ן מיט מיין ביעזדיעטניק פון שכם, פון וועלכע ער איז דערגאַנגען די גאַנצע געשיכטע פון מיין פערפאַלען ווערען, אויך מיין אָרט, וואו איך געפין זיך. ער האָט צווישען די יורשים גיך שלום געמאַכט און תיכף אַ רייזע געמאַכט נאָך שכם, געקומען צו מיר און דורך פערשיעדענע סימנים, וועלכע ער האָט געהאַט אין מיר פון מיין געבוירען אָן, האָט ער זיך איבערצייגט, אַז איך בין טאַקי זיין מלכירם, וואָס איז פון איהם פערפאַלען געוואָרען, און מיר האָבען טאַקי באַלד ביידע די רייזע געמאַכט נאָך ירושלים צו ערפרייען דיך מיט דער גליקליכער בשורה. איצט זענען מיר, דאַנקען גאָטט, גליקליך. איך וועל זיך שוין יעצט בעזעצען אין ירושלים: מיין פאָטער ווילל זיך פון מיר ניט שיידען אויף דער עלטער, און ער

ווינשט אז דיין ברודער משלם זאל פאהרען אין בבל ווערען ראש-גלות אויף זיין ארט .

שלומית . (שטעלט זיך אויף די קניע און הייבט אויף די הענד צום הימעל) א דאנק דיר , גאט , פאר דעם גרויסען חסד וואס דו האסט געטהון מיט מיר און מיט מיין געליעבטען ׳ דו האסט מיין קלאג מיר פערקעהרט אין אייביגע שמחה׳ און מיט וואס קען איך דיר אפדאנקען ? (שטעלט זיך אויף) .

מלכירם . קום ,׳ מיין טהייערע , אונזערע עלטערען וועלען אדאי ווארטען אויף אונז ביים בית-המקדש , לאמיר געהן . יא׳ וואו זענען דיינע ברידער , משולם און חנניה ?

שלומית . דו ביזט גערעכט , היינט איז דאך ביי אונז א דאפעלטע שמחה : אונזער אייגענע שמחה און די שמחה פון אללע יודען , ווי גרויס זענען גאטטעס חסדים געגען מיר ׳ אז ער האט מיר געהאלפען ריכטיג אין דעם טאג פון מיין פאלק׳ס שמחה , כדי איך זאל אויך קענען זיך פרייען מיט מיין גאנצען פאלק . משלם מיט חנניה׳ן זענען שוין א גאנצען טאג ביים בית-המקדש צו פער-פערטיגען אללעס וואס מען דארף צום חנוכת-הבית . א, ווי גרויס וועט זייער שמחה זיין , אז זיי וועלען דערהערען , אז דו ביזט זייער שוועסטערקינד און מיין חתן ! קום ! (זיי הייבען זיך אויף און געהען ארויס) .

(א פארהאנג הייבט זיך אויף , עס קומט פאר די עזרה וואס פאר׳ן בית-המקדש , דארטען זענען דא : זרבבל , שמעי , יהושע בן יהוצדק , מרדכי , שריה , מלכירם ׳ פיעל ישראלים . אסך כהנים אין די פארמען פון דער כהונה , לוים מיט זייערע מוזיקאלישע אינסטרומענטען , פרויען שטעהען בעזונדער , צווישען זיי איז אויך שלומית , די מנורה אין בית-המקדש ברענט , אויף דעם מזבח ליגען קרבנות דער כהן גדול יהושע שטעלט זיך און זאגט) .

מיינע ליעבע ברידער ! אונזער וואונש איז שוין אין גאנצען ערפיעלט ׳ מיר האבען שוין א בית-המקדש אויך , א צענטער פאר דעם יודענטהום ! ביינצעהן יאהר האבען מיר געהאט שרעקליכע צרות , דא האבען מיר עס אנגעהויבען בויען , דא האבען מיר געמוזט די ארבייט אוועק לעגען , ווייל אונזערע שונאים האבען אויף אונז דערלאנגט המן׳ס מסירות . איצט וועט אונזער צאהל גרעסער ווערען פון טאג צו טאג , אונזערע הייליגע שטאדט וועט ווייטער הייסען די מוטער פון דעם פאלק ישראל און אונזער לאנד וועט פולל ווערען פון זיינע קינדער . טהייערע ברידער ! מיר האבען איצט אויסגעבויעט ניט נאר א בית-המקדש אליין , נאר אויך א בית-תפלה לכל העמים , א געבעט-הויז פאר אללע נאציאנען , ווי אונזער נביא ישעיה האט אנגערופען אונזער איצטיג בית-המקדש , און ניט

אוּמְזִיסְט הָאט אוּנְזֶער פִיעל גֶעעֶהְרְטֶער חַגַי הַנָבִיא גֶעזָאגְט, אַז דָאס צְווייטֶע בֵּית-הַמִקְדָשׁ וֶועט נָאךְ מֶעהְר עֶהְרֶע הָאבֶּען פוּן דֶעם עֶרְשְׁטֶען, וָוארוּם יֶענְס אִיז גֶעוֶועזֶען נָאר אַ בֵּית-הַמִקְדָשׁ אוֹיף קָרְבָּנוֹת, אוּנ דָאס-אִיז אוֹיךְ אַ בֵּית-תְּפִלָה לְכָל הָעַמִים. אִיךְ הָאפְף צוּ גָאטְט, אַז עֶר וֶועט אוּנְז וַוייזֶען אַ צֵייכֶען פוּן זַיין הַשְׁגָחָה אוֹיף אוּנְז, עֶר וֶועט אוּנְז אַרָאפּ שִׁיקֶען זַיין הֵיילִיג פַייֶער פוּן דֶעם הִימְמֶעל צוּ פֶערְבְּרֶענֶען אוּנְזֶערֶע קָרְבָּנוֹת, אַזוֹי ווִי עֶר הָאט גֶעטְהוּן בַּיים חֲנוּכַּת הַמִשְׁכָּן אִין מֹשֶׁה רַבֵּנוּ'ס צַייט אוּנ בַּיים חֲנוּכַּת הַבַּיִת פוּן דֶעם עֶרְשְׁטֶען בֵּית-הַמִקְדָשׁ וָואס שְׁלֹמֹה הָאט גֶעבּוֹיעֶט; בִּפְרַט, אַז חַגַי הַנָבִיא הָאט אוּנְז אִין גָאטְטֶעס נָאמֶען צוּ-גֶעזָאגְט, אַז עֶר וֶועט בֶּעוִוילִיגֶען אוּנְזֶער בֵּית-הַמִקְדָשׁ, זִיךְ כָּבוֹד מַאכֶען מִיט אִיהְם אוּנ זַיין כָּבוֹד מַאכֶען גְרֶעסֶער ווִי דֶעם כָּבוֹד פוּן דֶעם עֶרְשְׁטֶען בֵּית-הַמִקְדָשׁ. דָעמֶעלְט וֶועלֶען אַלְלֶע אוּנְזֶערֶע שׂוֹנְאִים צוּ שַׁאנְדֶע זַיין אוּנ עֶס וֶועט מְקוּיָם וֶוערֶען יִרְמְיָה'ס נְבוּאָה: „זֵיי, דִי יוּדֶען, וֶועלֶען קוּמֶען אוֹיף דִי הוֹיכֶע פְּלֶאטְצֶע פוּן צִיוֹן, זֵיי וֶועלֶען זִיךְ יָאגֶען צוּ גָאטְטֶעס גוּטְס, צוּ בְּרוֹיט, וַויין אוּנ אֵייל אוּנ רִינְדֶער, זֵייעֶר נְשָׁמָה וֶועט זַיין ווִי אַ גוּט אֶנְגֶעטְרוּנְקֶענֶער גָארְטֶען, אוּנ וֶועלֶען שׁוֹין מֶעהְר קַיין שְׁמֶערְצֶען נִיט הָאבֶּען; דָעמֶעלְט וֶועלֶען מֶאדְלִיךְ זִיךְ פְרֵייעֶן אִין חָארָאוָואדֶען, יוּנְגֶע אוּנ אַלְטֶע לַייט צוּזַאמֶען, אִיךְ וֶועל זֵייעֶר טְרוֹיעֶר אִין פְרֵייד פֶערְקֶעהְרֶען, אִיךְ וֶועל זֵיי טְרֵייסְטֶען אוּנ עֶרְפְרֵייעֶן פוּן זֵייעֶר יָאמֶער, אִיךְ וֶועל דִי כֹּהֲנִים מִיט פֶעטֶע זַאכֶען זָאטִיגֶען אוּנ מַיין פָאלְק וֶועט מַיין גוּטְס גֶענִיסֶען", אָמֵן!

(עֶר גֶעהְט אַרָאפּ).

## דאס גאנצע פאלק: אָמֵן!!

(יְהוֹשֻׁעַ נֶעמְט אַ פֶּענְזֶעל פוּן אֵזוֹב, בֶּעשְׁפְּרִיצְט מִיט בְּלוּט פוּן דִי קָרְבָּנוֹת דִי פִּיעֶר עֶקֶען פוּן דֶעם מִזְבֵּחַ, דִי קָאסְיָאקֶעס פוּנ'ם בֵּית-הַמִקְדָשׁ אוּנ דִי 4 עֶקֶען פוּן דֶער עֲזָרָה; דִי לְוִיִם זִינְגֶען) —

אֲרוֹמִמְךָ ד' כִּי דִלִיתָנִי וְלֹא שִׂמַחְתָּ אוֹיְבַי לִי (א. ז. ו. בִּיז דֶער עֶנְדֶע פוּן דֶעם קַאפִּיטֶל ל' אִין תְּהִלִים), ד' אֱלֹהַי לְעוֹלָם אוֹדֶךָּ.

(צְווִישֶׁען דִי פְרוֹיעֶן וֶוערְט עֶפֶּעס אַ בֶּעוֶועהְגוּנְג, שְׁלוֹמִית טְרֶעט אַרוֹיס, הֵייבְּט אוֹיף דִי הֶענְד אוּנ זִינְגְט):

אוּנְזֶער בֵּית-הַמִקְדָשׁ מִיט גְרוֹיס פְּרַאכְט
שְׁטֶעהְט שׁוֹין אוֹיסְגֶעבּוֹיעֶט גָאר אִין גַאנְצֶען, —
טָאכְטֶער פוּן צִיוֹן! שְׁטֶעהְט נִיט פַארְטְרַאכְט:
לָאמִיר אִין חָארָאוָואדֶען גֶעהֶען טַאנְצֶען!

(אַללע מאדליך:)

א שִׂמְחָה אויף זיהן, אַ שִׂמְחָה אויף טאָכְטֶער,
אונְזֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ איז פֿארְטִיג אין גאַנְצֶען;
יודִישֶׁע שׂוֹנְאִים זֶענֶען געוואָרֶען צום געלֶעכְטֶער
אוּנ מִיר פֿאר פְרֵייד וועלֶען געהְן טאַנְצֶען!

(זיי געהֶען אַרויס אַללֶע טאַנְצֶען אין חאָראָוואָדֶען אונ שְׁלוֹמִית מִיט זיין; פון דער מַאסְסאַ הערט זיך קולות) גאָטְט איז, וואָס וויזט אויס, מִיט אוּנְז נִיט צוּפְרִידֶען, ער שִׁיקְט אוּנְז נִישְׁט זיין פֿייער פון דֶעם הִימְמֶעל.

**אנדערע.** עס אִיז נאָך צייט!

**דריטע.** אַ הָאפְנוּנְג צו גאָטְט; מִיט וואס אִיז אונְזֶער בֵּית־הַמִקְדָשׁ ערְגֶער אַלְס שְׁלֹמֹה־הַמֶלֶךְ'ס?

**פירטע.** ווייסְט איהְר דֶען נִישְׁט אַז גאָטְט'ס הִילְף איז אויגֶענְבְּלִיקְלִיךְ?

(אַ פייער לאָזְט זיך פְּלוֹצִים אַראָפּ אויף דֶעם מִזְבֵּחַ. דאָס גאַנְצֶע פאָלְק פאַלְט אויף דִי קְנִיע אונ שְׁרַייעט) "יְהִי ד' אֱלֹהֵינוּ עִמָּנוּ כַּאֲשֶׁר הָיָה עִם אֲבוֹתֵינוּ אַל יַעַזְבֵנוּ וְאַל יִטְּשֵׁנוּ!!"

(פֿאָרהאנג פֿאַלט).

# ענדע.